# מענדעלע-מוכר-ספֿרים

## דאָס תּוספֿות יום טובֿ קעלבל

דאָס קעלבל האָט אַזוי געהייסן, עס פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַר דעם אַרייַנקוקן זייַנס אין דעם משניות מיט דעם תּוספֿות יום טובֿ אַזוי, אַ שטייגער, ווי מען זאָגט בייַ אונדז אַ האָן קוקט אַרייַן אין "בני-אָדם", אָדער אַ קעלבענער מגיד קוועטשט זיך פֿאַר אַן עולם. אַזוינע ווערטלעך ווי די, וואָס נישט אויסגעטראַכט, נאָר שטאַמען אייגנטלעך פֿון אונדזער לעבן, זענען בייַ אונדז פֿאַר בהמות נישט געזאָגט געוואָרן. מעגלעך אפֿשר ערגעץ אַנדערש יאָ, ארץ ישׂראל – בהמות אַ שטייגער, אויף זיי שטייט דאָך געשריבן: "ציון, בך כּל-בהמה ועוף חכמו!" בייַ דיר, ציון, איז איטלעכע בהמה קלוג. אַן אייזל דאָרט אַפֿילו איז אַ למדן, גוט און פֿרום – ווי פּנחס בן-יאירס אַ שטייגער, אין אונדזער ווינקל אָבער זענען בהמות טאַקע בהמות און קעלבלעך גייען אַרום פּוסט-און-פּאַס.

נאָר וואָס דען? דאָס קעלבל האָט אַזוי געהייסן איבער אַ מעשׂה, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט זייַן מאַמע באַלד נאָך דעם קעלבלען זיך, און אָנגעמאַכט אַ רעש, אַ קאָכעניש אין דעם גאַנצן שטעטל.

די מאַמע זייַנע, זאָל זיך דאָרט מיִען, איז געווען אַ שיינע, כּשרע בהמה, שיין מיינט מען נישט פּשוט שיין ווי יענע קי, האָלענדערקעס, אַ שטייגער, מיט אַ שיין פּנימל, פֿעטע, דיקבייַכיקע, מיט גרויסע אָנגעגאָסענע אייַטער, די הויט אַ גלאַטע מיט דעם פּוץ און אַ לאַנגן עק מחילה הינטן ווי אַ שלעפּ. אַדרבה, פֿאַרקערט, זי, די מאַמע הייסט עס, זאָל זיך איר דאָרט גרינג שלוקערצן, זי איז געווען דווקא אַ מאָגערע, הויט און ביין, אייַטערלעך מחילה נישט מער אפֿשר ווי אַ כּזיס, עס האָט זיך עפּעס געבאָמבלט אַ דאַר שטיקל, עט גלאַט אַזוי זיך. די יופּע, די פֿעל הייסט עס, דווקא פֿאַרשמירט, פֿאַרשמוצט, פֿאַרשלומפּערט תּמיד, פֿון הינטן דווקא פֿאַרקריצט כּלומרשט אַן עק מישטיינס געזאָגט – און פֿונדעסטוועגן נישקשה, כ'לעבן, ווייַט אין

דער וועלט צו זוכן נישט געווען איר גלײַכן... דאָס שײנקײט אירס איז באַשטאַנען אין מעשׂים טובֿים – אין איר גוטקײט, שטילקײט און ערלעכע אויפֿפֿירונג, דהיינו: זי פֿלעגט, ווי אַ ייִדישע קו, אָפּריכטן גלות, נישט צו האָבן אַ מקום מנוחה; פֿלעגט נעכטיקן, וואַלגערן זיך אויף דער גאַס, זיך קײַקלען, האָבן גילגול-שלג ווינטער אויפֿן שניי, סײַדן אַ מאָל אין די גרויסע ברענענדיקע פֿרעסט פֿלעגט מען זי פֿאַרבעטן אויף נאַכטלעגער אין דעם פֿינצטערן הויז, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דאָס פֿעסל וואַסער, די גרויסע, פֿולע פּאַמויניצע, קלעצלעך האָלץ, פֿוילע שמאַטעס, גאַנץ אַלטע אי פֿריש-שמעקנדיקע בלאָטע און מיסט. צום פֿאַסטן איז זי געווען איין בריה אין דער וועלט. זי האָט געקענט אָפּפֿאַסטן גאַנצע טעג און גאָרנישט! בכלל, איז זי נישט געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער אַכילה, ווי אַנדערע, גויעשע אַ שטײגער, זי האָט אין דעם גוטן ייִדישקײט ביסלעכווײַז זיך אָפּגעוווינט פֿונעם עסן, אַזוי אַז זי האָט אָנגענומען פֿאַר ליב כאָטש וואָס ס׳איז און וויפֿל ס׳איז אַבי יוצא זײַן, פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל. פֿיל ייִדישע בהמית האָבן דאָך אַזעלכע מעלות, נאָר זי איז אין זיי אַריבער אַלע.

אײַנגעהאַנדלט האָט מען זי לכתּחילה פֿאַר אַ מציאה, עס האָט געהייסן פּישש... עס גיסט זיך פֿון איר – מילך. אַ בהמה, קיין עיִן הרע, אַ ווילע נאָר אַ חריפֿות. הלואי מיט מזל, יעלה ויצמח, עס זאָל זיך גיסן, שפּריצן, מען זאָל לעקן דערפֿון די פֿינגער! שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז ס׳איז נישט אַזוי די מעשׂה. דאָס וואָס מען האָט פֿאַרלאַנגט איז נישטאָ! דאָך זי שולדיק מאַכן דרינען אינגאַנצן וואָלט געווען אַ גרויס אומרעכט. וואָס איז, זי האָט דען געהאַט און נישט געגעבן? אי וואָס מען האָט זי אײַנגעהאַנדלט אויף דעם תּנאי, מען זאָל האָבן פֿון איר פֿיל גוטס און נחת – עט, נאַרישקײטן, נאַרישקײטן, למאי מען האָט איר אָנגעפֿײַפֿט אין די מזונות, אין דעם קעסט עסן ההתחייבות! עס טרעפֿט זיך בײַ ייִדן אַזוינע, ביידע צדדים נאַרן איינער דעם אַנדערן אָפּ, נישט אַזוי ווי מען זאָגט, ווי מען שטעלט זיך פֿאָר – און גאָרנישט. אויך באַשולדיקן זי פֿאַר דער פּרנסה אירער, פֿאַר דעם אַרומשלעפּן זיך אין מאַרק צווישן די גויִישע פֿורלעד, אַ שמעק דאָ, אַ טאַפּ דאָרט, אַ שטעק די מאָרדע אַהין און כאַפּן אַ לעק – דאָס וואָלט געווים אַ גרויסע עולה געווען. וואָרעם אַדרבה זאָגט, וואָס זאָל אַ בהמה נעבעך טאָן בײַם אַראָפּגיין פֿון קעסט, אַז עס לאָזט זיך איר אויס די

מזונות? לייגן זיך, שׂונא-ציון, אין דער מיט גאַס און פּגרן פֿאַר הונגער? לאָז מען זיך מטריח זײַן אין אַ ייִדיש שטעטל ערגעץ, וועלכעס עס איז, ווער מען זען, אַז אַלע בהמות ווי זיי זענען זיך מפרנס דאָרט אַזוי. און גאָר נאָך אַלע גליקן מישטיינס געזאָגט, אַז אונדזערער פֿלעגט שוין גערעטן אַ כאַפּ טאָן עפּעס פֿון אויבן, אין גאַנצן אַ פּעטרישקע, פֿלעגט עס איר נעבעך באָקעם אויספֿאַלן. זי פֿלעגט כאַפּן בײַטשן, קלעפּ ווי האָלץ, וויפֿל אין איר איז אַרײַן, געשפּעט און לײַטישע רייד פֿונעם גראָבן עולם אַ צוגאָב נאָך דערצו.

וואָס הינט האָבן צו איר געהאַט, פֿאַר וואָס הינט האָבן געהאַווקעט, געבילט, זי אָנגעכאַפּט, געביסן? – דאָס איז כּלל נישט צום פֿאַרשטיין; סטײַטש, הינט וואָס לעקן אָפּ אַ ביינדל, כאַפּן שיריים פֿון ייִדישע פּאָמויניצעס; הינט וואָס ייִדן פֿאַרשטאָפּן זיי תּמיד דאָס מויל, איר פֿאַרשטייט, מיט אַ שטיקל ברויט; הינט, וואָס ייִדן מײַדן תּמיד זיי אויס דעם וועג מיט אָפּ, וואָס האָבן פֿון דער ווײַטנס נאָך פֿאַר זיי גרויס דרך-ארץ! נישט מער, גאָרנישט, אויף בילערס איז ניט שײַך צו פֿרעגן קשיות.

מילא, בקיצור, האָט מען דאָ אַ קלאָרן חשבון פֿון אונדזער בהמהס שיינקייט, ערלעכקייט, און דאָס וואָס איר גוטקייט, שטילקייט אָנבאַטרעפֿט, דאַרויף קענען עדות זאָגן אפֿשר אַ האַלב שטעטל ייִדן. פֿיל מאָל פֿלעגט זיך מאַכן, אין די שטאָק-פֿינסטערע נעכט, אַ שטייגער, איז אַ ייִד נעבעך געשטרויכלט געוואָרן און אַרויפֿגעפֿאַלן פּוץ אויף איר, אויף אונדזער בהמה הייסט עס, וואָס האָט געהויערט אין גאַס צווישן די געמאַרקען, אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט עס זיכער אונטערגעטראָגן: סטײַטש, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאָדנע קריכן בײַנאַכט, און וואָלט אים דערלאַנגט אַ וואָרף פֿון זיך עט, ווײַט צו אַלדי-שוואַרץ-יאָר. אונדזערע אָבער פֿלעגט זיך אויפֿהייבן שאַ שטיל, אַ שטעלגעבענדיק זיך אויף די פֿיס, און טראָגן דעם פּאַרשוין, רײַטענדיק איר אויף דעם רוקן, אַ שטרעקע וועג, ביז ער איז אַראָפּגעפֿאַלן אַליין, ברעכנדיק זיך האַלדז און געניק.

אמת טאַקע צו די דאָזיקע אַלע שיינע, גוטע מעלות האָט זי געהאַט, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, אַ ביסל חסרונות אויך. נאָר ווו איז דען דאָ אַ בהמה דורכויס אַ כּשרע אָן אַ ברעקל סרכא? באַדאַרף מען אַ בעסערן ווי אונדזער בוהײַ, אַ שטייגער, אַ גדול, אַ גרויסער, אַ הדרת-

פּנים מיט אַ ברייטן שטערן און אַ דיק-קײַלעכדיק בײַכל, אָדער הצאַפּ שלנו, אַ קאַטאָוועס עפּעס אונדזער צאַפּ, אַזאַ פֿאַרנעם, דער גרעסטער צווישן אַ שטאָט ציגן, – און פֿונדעסטוועגן, זאָל זיי דער שור-הבֿר נישט שטראָפֿן פֿאַר די זינד, זענעןביידע דאָס, וואָס מען טאָר נישט זאָגן, נישט דעם, נישט יענעם טאָר מען נישט לאָזן אין שטאַל אָן אַ שומר.

ווינטער אַ מאָל, גאַנץ פֿרי, אַז איך בין געלעגן אײַנגענורעט אונטער דער קאָלדרע, פֿאַרשלאָפֿן, נאָך נישט בדעה האָבנדיק אויפֿשטיין, גיין אין חדר, דערפֿיל איך ווי מען וועקט מיך, טאָרעט מיך, אין איין געשריי: גיכער שטיי אויף, גיכער, גיכער! איך טו מיך, נישט טויט נישט לעבעדיק, אַ כאַפּ אויף און דערזע פֿאַר מיר מײַן שוועסטערל, אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוועלף. דאָס פּנימל שײַנט איר, די אייגעלעך פֿינקלען עפּעס מיט אַ גלאַנץ גאָר משונה, דאָס מײַלכל האַלב אָפֿן, די ליפּעלעך עפּעס אַ פֿאַרגליווערט מין שמייכעלע, זי וויל עפּעס זאָגן און קען נישט, אַזוי פֿאַרגייט איר דער אָטעם, נאָר וואָס זי שטרעקט אויס, וואַרגנדיק זיך, דאָס הענטל, טײַטנדיק אויף עפּעס דאָרט אין דער מיט שטוב – אָ – אָ!

איך גיב אַ קוק – אוי, געוואַלד, אַ קעלבל! און אַזוי ווי איך בין, באָרוועס, נאַקעט, אין איין העמדל, האַלטנדיק איין האַנט אויפֿן קאָפּ, קיין צײַט נישט האָבנדיק אויסזוכן דאָ און אָנטאָן דאָס יאַרמולקע, טו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פֿונעם געלעגער, געשווינד צו אים. די פֿרייד מיט מיר איז געווען אַזוי גרויס, גלײַך ווי די וועלט איז מײַנע, ווי אַלצדינג אין איר, פֿילט מײַן שׂמחה. עפּעס לײַכט די זון גאָר אַנדערש, עפּעס איז דער פֿרימאָרגן מילדער, פֿרײַנדלעכער ווי תּמיד, עפּעס פֿילט זיך אומעטום אין דער לופֿט יום-טובֿדיק, פֿול-און-פֿול מיט קעלבל. אלַצדינג שמייכלט, זאָגט: גוט יום-טוב דיר מיטן קעלבל!

איך זעץ מיך אויף די קניִעלעך, אַ ביסל פֿון דער ווײַטנס, און באַטראַכט מיר דאָס קעלבל. אַ שיינס, אַ רויטס מראה געלכן, אויף דעם שטערן אַ ווײַסער פֿלעק ווי אַ זילבערנע קאָקאַרדע, גאָר אַ גאָטס וווּנדער. וואָס ווײַטער, ווײַטער גיב איך מיך אַ רוק-אונטער, באַקענענדיק מיך מיט אים נענטער; וואָס ווײַטער ווײַטער גיב איך עס אַ גלעט, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט מיט אַ פֿינגער, אַרײַנקוקנדיק אים

בשעת מעשה אין די אויגן, ביז איך ווער דער מיט שוין אַ נאָענטער שמעלקע און לאָז אים אַראָפּ אַ גראָבן "שלום-עליכם", אַזוי טאַקע מיט דער גאַנצער האַנט, מיט אַלע פֿינף פֿינגער.

דאָס קעלבל האָט אַ פּנים נאָך נישט געוווּסט דעם טײַטש פֿונעם "שלום-עליכם", מיט וואָס מען עסט עס, וואָרעם עס האָט זיך עפּעס געפֿילט ווי באַליידיקט, און צונויפֿנעמענדיק זיך מיט אַלע קראַפֿטן געפּרוּווט אויפֿשטיין, פֿריִער האָט עס אָנגעהויבן הינטן-אַרום, פּאַמעלעכן-פּאַמעלעכן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פֿיסלעך, בלײַבנדיק אָנגעשפּאַרט אויף די קני פֿון די פֿעדערשטע, וואָס נאָך פֿאַרלייגט אונטער זיך אַזוי, אַז ס'איז אויסגעקומען עפּעס משונה, ווי עס שטייט מחילה ראַקעם. שפּעטער אַ ביסל האָט זיך עס שוין געשטעלט אויף אַלע פֿיר פֿיס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט ווי פֿיסלעך פֿון אַ צושאָטענעם טיש. פֿונעם פּופּיק איז אים אַראָפּגעהאָנגען, באָמבלענדיק זיך, עפּעס ווי אַ שטיקל בענדל און אויסגעזען אין גאַנצן מראה לעקיש. אַזוי איז עס שאָקלענדיק זיך, אומגעלומפּערט, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, אַ היבשע ווײַלע געשטאַנען – און פּלוצלים פֿאַררײַסט עס דעם וויידל און גאַלאָפּ, גאַלאָפּ איבער דער שטוב. עס ווערט אַ רעש אַ געפּילדער, עס פֿאַלט אום די מילכיקע באַנק מיט דעם צעבראָכן פֿיסל, עס דערשרעקן זיך די הינער, פֿליִען משוגענערווײַז איבער טיש און בענק, צעבראָכן אַ גלעזל און קערן איבער עפּעס אַ שיסל. די מאַמע בײַ דער קימפּעטאָרין, בײַ דער בהמה הייסט עס, דאָרט אין הויז, דערהערט דעם טאַראַראַם, דעם האַרמידער, לויפֿט אין איין אָטעם אַרײַן אין שטוב שטאַרק אויפֿגעבראַכט און לאָזט אויס איר צאָרן צו מײַן קאָפּ:

אוי, אַ טאָג, האָב איך עס געהאַט דענסטמאָל, אַ טאָג פֿון פּעטש און קלעפּ אין דער היים, אין חדר, געלייזט גענוג, נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט!

אַוועקגעגאַנגען פֿון דער היים אין חדר בין איך מיט אַ קאָפּ פֿול מיט קעלבל. ווען איך האָב באַגעגנט אויפֿן וועג האָב איך אָנגעזאָגט די בשׂורה: אונדזער קו האָט געהאַט אַ קעלבל! פֿאַר איטלעכן פֿון מײַנע באַקאַנטע ייִנגלעך האָב איך אָפּגעלויבט אין טאָג אַרײַן דאָס קעלבל, אונטערשמייכלענדיק דערבײַ פֿאַר גרויס הנאה ווי אַ בעל-שׂמחה,

געמיינט דער מיט – הע-הע! לאָזן זיי מיר מקנא זײַן. װעמען מיר האָט געטויגט האָב איך צוגעזאָגט װײַזן אים דאָס קעלבל, אין איינעם מיט מיר זיך דער מיט אַ ביסל אָנשפּילן. בײַ איינעם אַפֿילו האָב איך גענומען פֿאַרויס אַ פּאָר יוונישע מעשענע קנעפּ מיט אָדלערס און אַ יערכען בײַטעלע, שווערנדיק אים: ״ווי איך בין אַ ייִד!״ אַז דער כּיבֿוד פּאָרן רײַטענדיק צום-ערשטן אויפֿן קעלבל געהער אים. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר גרויס שמחה און אַזוי פֿיל געשעפֿטן האָב איך מיר פֿאַרשפּעטיקט קומען אין חדר, און געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק.

נאָר פּעטש זענען פּעטש און קעלבל איז קעלבל. די גמרא ליגט פֿאַר מיר אָפֿן און עס קוקט אַרויס פֿון דאָרט, עס דרייט זיך מיר פֿאַר די אויגן – קעלבל. עס קריכט, קריכט מיר אין קאָפּ אַ מאָרדעצקע, אַ שיינס, אַ געטאָקטס, אויערלעך קלייניטשקע, אויפֿגעשטעלטע, אַ קעפּעלע, אַ העלדזעלע. דער רבי קנעלט, מריקעט מיט אַ גמרא ניגון, און מיר אין די אויערן מעקעט די קו נאָכן קעלבל. דער רבי טוט זיך אַ הויב פֿונעם בענקל – דאָס קעלבל אַ הויב אויף די פֿיסלעך; דער רבי שטרעקט אויס די האַנט – דאָס קעלבל פֿאַררײַסט זיך דאָס שוואַנצל: האָץ-האָץ-האָץ – און עס פֿליט אַ פּאַטש! דער רבי איז בייז, פֿרעגט ווו איך האַלט? איך האַלט מיך בײַ דער באַק. עס האַלט שוין בײַ מקיים פּסק זײַן, איך האַלט עס נישט אויס. עפֿענט זיך פּלוצלים די טיר – און עס עפֿנט זיך מיר ווידער אַ וועלט. סקאָצל קומט, רבֿיצן! אַהאַ, אָט איז ווידער דאָס קעלבל. די רבֿיצן לויפֿט אַרויס בייז, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, דער רבי, אַרויס פֿון די כּלים, לאָזט אויס זײַן שווער-ביטער געמיט צו מיר.

אַז איך בין יענעם טאָג אַ לעבעדיקער, אַ גאַנצער אַהיים געקומען איז טאַקע נאָר גרויסע נסים מיר געשען.

קומענדיק אַהיים איז די ערשטע זאַך מײַנע געווען – קעלבל. שטיל אויף די שפּיץ פֿינגער האָב איך בשתּיקה, ווי אַ ליבהאָבער צו דער געליבטער, מיך צוגעגנבֿהט צום קעלבל. די מאַמע האָט עס פֿאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע פֿאַר אַ גוט אויג, מען זאָל עס קיין עין-הרע נישט געבן. אָנגעהויבן האָט זיך בײַ מיר ווי דער שטייגער איז, פֿריִער אַ קוק, איין עסן פֿאַר ליבשאַפֿט מיט די אויגן.. אין אַ ווײַלע אַרום שוין אַ גלעט, אַ טאַפּ, דערנאָך אַ האַלדזן, איין אַרומנעמען,

נאָר נפֿש אַחת, און לסוף שוין גראָבלעך, מחילה, אַ קוועטש – און מײַן קעלבל פֿון אַ שפּרינג אַהין-אַהער איבער דער שטוב, ווערט עס אַן איבערקערעניש, סדום ועמורה, און עס רעגנט אויף מיר פּעך און שוועבל, פֿײַערדיקע פּעטש הײסט עס, גאָר אַ שרעק!

די ליבע צום קעלבל האָט בײַ מיר געוואַקסן מיט יעדן טאָג און צוגלײַך מיט איר די יסורים, האַרצווייטיק מײַנע, וואָס זי האָט מיר אָנגעמאַכט, מײַן קינדערש הערצל איז פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט, האָט נישט געקענט רויִק אָן פֿאַרדראָס האָרכן דעם שמועס איבער דעם קעלבל, ווי מען וויל עס נעבעך קוילען, ווי מען דינגט זיך מיט דעם קצבֿ, מיט וואָס פֿאַר אַ גרינגע לעבער מען צוגלידערט עס לעבעדיקערהייט, שנײַדט, טיילט זײַן גופֿל נעבעך, ווי מען רעכנט אויף די פֿינגער אַזוי פֿיל פֿאַר זײַן פֿעלכען, אַזוי פֿיל פֿאַר דעם פֿעדער-חלק, אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿאַר זײַן איטלעכס גליד באַזונדער, עס שטייט זיך, קוקט אַזוי גוט, היימיש, לעקט דער מאַמעס האַנט אַזוי ליבלעך-פֿרײַנדלעך, און דאָ שאַצט מען אָפּ דעם ווערט פֿון לעקער, פֿון זײַן צינגל! ס׳איז עפּעס טאַקע אַ געוואַלד, אַ רציחה! –

דענסטמאָל האָב איך נאָך נישט געוווּסט קיין חכמות, זיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין טיפֿע חקירות איבער מענטשן, בהמות, גאָר נישט אײַנגעפֿאַלן מיר אַפֿילו איבערצוטראַכטן, אַז אין דער פֿירונג פֿון דער וועלט קען געמאָלט זײַן פֿעלער; אַז דאָס אַלצדינג, וואָס איז פֿון גאַנץ לאַנג שוין אַזוי געשטעלט, בײַ לײַט אָנגענומען, האָט אפֿשר נישט קיין האַפֿט; אַז גרויסע מיט בערד קענען נאָר זײַן ייִנגלעך; אַז חכמות אַזוינע קענען נאָר זײַן נאַרישקייטן, פֿילוסופֿיות – פּלודערײַען, גוטסקייט און פֿרומקייט – אכזריות, ווילדקייט. חלילה! אַלצדינג ווי אַזוי בײַ די עלטערן אין שטוב, ווי אַזוי אין חדר, אין שול, אין בית-המדרש דאָרט, דאָס איז שׂכלדיק, רעכט, פֿײַן, ווי גאָט האָט געבאָטן. און אויב מיר איז פּריקרע געווען אַ מאָל, עס האָט מיך עפּעס געאַרט, איז דאָס גאָר געווען גלאַט אַזוי זיך, בשוגג, אומגערן, גלאַט עס האָט זיך אַזוי געפֿילט, גאָר פֿון זיך אַליין אַזוי געוואָלט – און דאָס פֿלעגט מיר דערנאָך ערגערן, קאָסטן אַ שטיק געזונט, ווײַל טאַקע אין דעם פֿילן, אין דעם וועלן, אָט דרינען, לויט זיי זאָגן שטעקט דער יצר-הרע, ער גיט עס אײַן דעם מענטשנס האַרץ חשק, עס זאָל פֿילן, עס זאָל וועלן. ולא תתורו אחרי לבֿבֿכם – אַ ייִנגעלע זאָל זיך נישט וועלן, האָט געטײַטשט דער רבי.

עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ אויפֿן קעלבל: געוואַלד אַ רחמנות! עס האָט מיך פֿאַרדראָסן, געברענט, געבראָטן: געוואַלד, וואָס וויל מען האָבן נעבעך פֿון זײַן לעבן! און דערבײַ האָט עס מיך טאַקע געפּיקט, געפּיקט: געוואַלד אַן עברה! אויף ווֶעמען דו האָסט רחמנות און אויף ווֶעמען דו ביסט אָנגעדדרודלט, שייגעץ איינער! איך האָב מיר אָנגעטאָן אַ כּוח אַרויסשלאָגן פֿונעם זינען די גאַנצע מעשׂה מיט דעם קעלבל, איך בין נישט מחויב פֿאַר אים מקריב זײַן מײַן נשמה, פּרעגלען זיך אויפֿן פֿײַער אין גיהנום, נאָר עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן, פֿאַרקערט, וואָס מער איך האָב עס געטריבן, מער איז עס מיר אין קאָפּ אַרײַן געקראָכן. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַזוינס, וואָס אַ שרעק: פֿון איין זײַט, דאַכט זיך, אַן אויסגעשטרעקט, איבערגעשניטן העלדזעלע, אַ גיסן-זיך בלוט, אַן אַרויסגעשטעקטע צונג, פֿאַרגלייזטע אויגן, אַ האָרכלען, אַ מאַכן מיט די זײַטן, אַ צאַפּלען, אַ וואָרפֿן-זיך, אַ דריקען מיט די פֿיס. פֿון דער אַנדערע זײַט אַ שוחט מיט אַ פֿרום פּנימל, אַ חלף אין דער האַנט און אַ ברכה-מאַכן מיט די ליפּעלעך. – איך בין אַרומגעגאַנגען צוקאָכט, ווינד און ווי איז מיר געווען פֿון ביידע זײַטן, האָב מיך געשעמט קוקן דעם קעלבל און דער מאַמע, להבֿדיל, אין די אויגן. ווער ווייס צו וואָס דאָס וואָלט געפּירט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אונטערדרוקן פּלוצלים אַזוינס, אויף וואָס מען האָט זיך כּלל נישט געריכט.

ס'איז אַ ווינטער-נאַכט. אַ פֿראָסט מיט אַ ווינט. אַ פֿראָסט אַ ברענענדיקער, אַ ווינט אַ שטורעמדיקער, עס בלאָזט, פֿײַפֿט, ריפּ-סקריפּ, ווי אויף אַ חתונה פֿון טויזנטער רוחות; עס שפּרינגען, טאַנצן זיילען שניי, דרייענדיק זיך משוגענערווײַז איבער די גאַסן. עס קנאַקן, טראַסקען דעכער, עס היילט, ווייעט אין די קוימענס און עס זשומען, צימבלען שויבן אין די פֿענסטער. אויף דער גאַס קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש, נישט איין ייִדישע בהמה, אַלע ווי אויסגעראָמט, און וועלכע זענען פֿאַרבליבן דאָ, ליגן באַגראָבן, אַז אָך און ווי צו זיי, טיף איבער די אויערן אין שניי. עפּעס נאָך מישטיינס געזאָגט אַ שטיקל קימפּעטאָרין, האָט אונטערגענעכטיקט אין דעם פֿינסטערן הויז, אין נעץ און שמוץ, ווּ עס בלאָזט פֿון אויבן, פֿון אונטן, פֿון אַלע זײַטן; ווּ ס'איז אומצוקומען פֿאַר קעלט. און וואָס טוט אַ בהמה? אַ בהמה מעלה-גרהט, חזרט, קײַט איבער אַלץ פֿריִערדיקע, שוין האַלב פֿאַרדרייטע, פֿוילע, נמאס-ומיאוס געוואָרענע זאַכן. אַז נײַע שפּײַז פֿאַר זיך האָט זי דאָך מכּות – און בײַם

איבערקײַען קײַכט זי, לאָזט זי שטילע זיפֿצן. די זיפֿצן צעגייען זיך ווײַט אַרום און לאָזן זיך פֿילן אויך אין שטוב.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿונעם שלאָף אַ ביטער געשריי, אַ יאָמער, אַ קלאָג ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

דאָס וויינט, שרײַט די מאַמע. וואָס איז? געפּגרט די בהמה! דאָס הויז-געזינד איז פֿאַראומערט, אין שטוב הערשט אַ טרויער, אַפֿילו דער האָן שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט אַרויסגעפֿירט די הינער זײַנע פֿון אונטער דעם אויוון האָפֿערדיק,קוממיות, ווי תּמיד. איינע פֿון די הינער מיט איין איי פּאַדעט, קוואָקעט, זוכט אַן אָרט, וויל זיך לייגן, און נישטאָ ווער זאָל איבערדעקן זי מיט דער זיפּ ווי געוויינלעך. נאָך איינע פֿליט אַרויס פֿון אונטער דער בעט, הענדום-פּענדום אויף אַ בענקל מיט אַ פֿאַרריסן קעפּעלע, זייער שטאָלץ אין איין קול: מזל-טובֿ מיר מיט אַן איי, זיך שוין, געלייגט אין אַ גוטער שעה! און דער שיינער מאַן, דער האָן, זאָל זיך עס אויף איר כאָטש אַרומקוקן, צוגיין, ווי דער שטייגער איז, אַרונטערנעמען זי אונטער די פֿליגלעך, קוצעניו-מוצעניו פֿאַר אַזאַ גוטע בשורה. קיינעם איז נישט אין קאָפּ, אַלע שטיין פֿאַראומערט, ווײַבער, שכנהס אויך אין דער מיט. די מאַמע איז מספּיד פֿאַר זיי די בהמה, דערציילט אירע שבחים, איר קעז און פּוטער, וואָס איך וויניקסטנס האָב עס אין די אויגן נישט געזען, נאָך מעלות אַזעלכע, אַל דאָס גוטס, פֿון וועלכע – אַ חידוש כּ'לעבן! – איך האָב פֿריִער גאָר ניט געוווּסט, און לאָזט אויס מיט אַ וויינענדיקן ניגון, אַז דאָס איז געפּגרט פֿאַר אונדזערע זינד.

-- הערט אַ מעשה – זאָגט זי, פֿאַרגלאָצנדיק די אויגן צו דער סטעליע – הערט וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן! הײַנט גאַנץ פֿרי, כּלחוך השור, אָט די טיר אָט-אָ, פֿון דער שטוב אין דעם הויז, עפֿן איך. גיי איך ווי אַ בעל-הביתטע מעלקן פֿרי אַרײַן. דאָס מעלק-שעפֿל אין דער האַנט: שטרוי צום פֿרעסן האָט דער באַקאַנטער גוי נאָך נישט געבראַכט. פֿאַרגעסן. אַ פֿראָסט אַ שרעק. צײַט מעלקן. רוף איך: מאַין-מאַין-מאַיִן! זי רופֿט זיך נישט אָפּ. גיי איך שוין צו נאָענט, אַ ביסל מיט פֿאַרדראָס, טראַכטנדיק בײַ מיר: סטערווע. וויל איך מעלקן – הע-הע, איז זי פֿאַרשאָטן מיט שניי, אַרײַנטראָגנדיק זיך בײַנאַכט דורך די שפּאַרונעס, די האָר פֿאַרפֿרוירן ווי סטרעמפּלעס אויף דעם רוקן

שטעל איך אַוועק דאָס מעלק-שעפֿל, נעם אַ בעזעם, נעם, שאַר-שאַר דעם שניי, און זי, די שפֿלה, זאָל זיך כאָטש רירן. איך גיב אַ קוק – אוי, אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגן, זי איז טויט! סטײַטש, וואָס הייסט? פֿאַר ווען, פֿאַר וואָס? פֿון דער העלער הויט? נישט צו פֿאַרשטיין. פֿאַלט מיר פּלוצלים אײַן: אוי, אַ ווייטיק אַ גרויסער, אַ ווייטיק מײַנע שׂאנים! איר הערט, מיר האָבן פֿאַרגעסן די סעודה, מאַכן נעכטן ווי אַלע יאָר תּוספֿות-יום-טובֿ! מײַן יחוס איז עפּעס אַ קאַטאָוועס. פֿונעם תּוספֿות-יום-טובֿ משפּחה שטאַם איך. אין דער מגילה זײַנער אויף דעם נס, וואָס אים איז געשען, האָט דער גרויסער צדיק, עליו-השלום, באַשוואָרן זײַנע קינדס-קינדס קינדער, זיי זאָלן אין חודש אדר, נעכטן הייסט עס, מאַכן אַ סעודה, ווי פּורים. ווער עמיצער נישט מקיים זײַן, זאָל זיך אים טרעפֿן אַן אומגליק. אָט, האָט איר טאַקע, איר הערט, דאָס אומגליק. דעריבער טאַקע איז די בהמה סאַנצעלאָמעס די כּפּרה געוואָרן.. וואָס דען? גאָר פּלוצלים ערשט נאָכן קעלבלען זיך, פּגרט עס, אַ בהמה! –

און אין דער מיט הספּד, פֿליט אַרײַן פֿונעם אַלקערל דאָס קעלבל, האָץ-האָץ מיט אַ פֿאַרריסן ווידל, אַ פֿאַרוואָרפֿן קעפּל, מע-מע אין איין קול. דאָס האַרץ רײַסט בײַ עטלעכע אין שטוב, קוקנדיק אויף דער יתומה נעבעך. אַלע פֿאַרשטיין דעם טײַטש פֿון מע, וואָס דאָס מע באַדײַט. דאָס מעקעט עס נעבעך נאָך דער ברוסט, עס וויל עסן. דאָס מעקעט עס, בעט זיך צו דער מאַמע, זי זאָל עס אויסצוואָגן, אָפּלעקן מיט דער צונג. ווײַבער, שכנהס, ווישן די נעז, די אויגן, מאַכן פּיסקלעך, און די ליפּעלעך זייערע רירן זיך, גרייט צום רעדן. איינע פֿון זיי, אַ ווילקענענדיקע, וואָס שיט אין די רייד ווערטער פֿון די הייליקע חכמים, פֿונעם רבינו בחיי, פֿאַרכאַפּט זיך פֿריִער און צולאָזט זיך אין אַ ברייטן שמועס.

דער וואָס לעבט אייביק, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס איך בין נישט ווערט זײַן נאָמען צו דערמאָנען – הויבט זי אָן אויף תּהינה-לשון, צונויפֿשנירנדיק די ליפּעלעך און קנייטשנדיק אַ פֿרום פּנימל – דער אַלמעכטיקער, וואָס איז געאַכפּערט, געגרויסט צווישן די הערשאַפֿטן מלאָכים, די דאָ הייסן חיות הקודש, ער איז גערעכט און זײַן משפּט איז גערעכט, כּי מפּני הרעה, פֿאַר די זינד, זאָגן די חכמים, פּגרט אַ מאָל אַ בהמה. לאָז זי , די בהמה, זײַן אַ קרבן-עולה, מכפּר זײַן, רייניקן, ווי די פּרה-אדומה, אײַך און כּל-ישׂראל, פֿון אַלע

אומרייניקייט און פֿון אַלע אומווירדיקייט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: אויב די זינד זענען ווי פּורפּור רויט, וועלן זיי ווײַס ווערן ווי אַ שניי. און אויב אַזוי, אַז דורך אַ פֿיך, די בהמה מיינט מען, האָט באַשײַנפּערלעך זיך געטאָן אַנטפּלעקן אַזאַ גרויס ווונדער, וואָלט מײַן ראַט, עצה טובה, געווען, דאָס דאָס קעלבל, די פּרוכט פֿון איר מוטער-לײַב, זאָל בלײַבן די ווידערשפּענענדיקע קינדער צום אָנדענקען, אויף דעם משונה-ווילדן מופֿת, דאָס זיי זאָלן מער נישט מוטוויליקן, נישט פֿאַרשווערכן די שבֿועה פֿון פֿאָרכטסומע צדיקים. לאָז עס ביי אײַך זיך האָדעווען, און דער, וואָס שפּײַזט מביצי כּינים, פֿונעם קליין ווערמל ביז דעם ווילזטיר, וועט העלפֿן עס צושפּײַזן אַ מאָל מיט שאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿל, אַ מאָל מיט אַ ביסל קלײַען, דאָס אַ ביסל, יענעם אַ ביסל, וואָס קען עס זיך אָנזען אין דעם בעל-הבתּישקייט אַ קעלבל. לאָז זיך אײַך דאַכטן אַ ישיבה-בחור – נאָך אַ לעפֿל געקעכטס, נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ קבצן – אַ קבצן נעבעך. איר פֿאַרשטייט, פֿון אַ ישיבה-בחור, טפֿו, פֿון אַ קעלבל מיין איך, וואַקסט אויס אַ בהמה, און אַ בהמה איז גוט, תּמיד אָנגעלייגט, ווער שמועסט בײַ הײַנטיקע משוגענע צײַטן, און בפֿרט נאָך בײַ ייִדן. אָח-חאָ-חאָ! שפּילט אוודאי אַ גרויסע ראָלע אַ בהמה.

אַלע ווײַבער באַסעווען צו. די מאַמע לאָזט זיך אײַנרעדן. דאָס קעלבל בלײַבט לעבן – און מיר פֿאַלט אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן.

די מעשׂה מיט דער בהמה, איר אונגעווײנלעכער טויט, גאָר שלא כּדרך הטבע, האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין שטעטל. לײַט זענען געקומען אויף חידושים אָנקוקן דעם קעלבל, עס האָט באַקומען אַ שם און געהייסן: ״תּוספֿות-יום-טוב קעלבל״.

אַקעגן אַ דרײַ טעג האָט זיך געטראָגן איבער דעם שטעטל אַ היילען, אַ רויען, נאָר טויב צו ווערן. דאָס האָבן געררויעט הינט, וואָס האָבן זיך טשאַטעס-ווײַז פֿאַרקליבן אויפֿן פֿעלד, צוטאָן דער בהמה איר רעכט, זיך געריסן, געביסן און מטפּל געווען, ווי געהעריק, מיט דער נבלה.

שטאַרק געבענקט די ערשטע צײַט האָט דאָס קעלבל נעבעך נאָך דער ברוסט. מען האָט עס געשטילט אַ מאָל מיט אַ לעמעשקע פֿון קאָרענע קלײַען, אַ מאָל מיט ברויט אַ שטיקל, מיט אַ הויפֿן היי.

ציינדלעך האָט עס געהאַט אַכט פֿעדערשטע, שיינע ווײַסע, נאָך בײַם געבוירן ווערן, איך האָב זיי אַליין געציילט. עס האָט געגעסן און דאָך צו ווײַלן אונטערגעמריקעט. עס האָט אַלץ געסמאָרעט מיט דער נאָז, געזוכט, געשמעקט, און וואָס נאָר אים איז צום מויל געקומען, אַ האַנטעך, אַ טישטעך, אַ זאָק, האָט עס געקײַעט. אַ היטל, אַ יאַרמולקע – אויך סחורה. איין מאָל האָט עס שיר זיך נישט דערוואָרגן מיט אַ טשאָלענט-שמאַטע. אַ נס וואָס מען האָט זיך באַצײַטנס אַרומגעקוקט, גראָד באַדאַרפֿט גיכער פֿאַררוקן דעם טשאָלענט. און אויב מען איז פֿון אים דאָס אַלצדינג אויסגעשטאַנען, נישט זײַנער פּטור צו ווערן, איז דאָס נאָר געווען אין דעם זכות פֿון דער מאַמען זײַנער, זאָל זיך דאָרט מיִען, איך איינער האָב עס אמת טאַקע ליב געהאַט טיף פֿונעם האַרצן, עס שטאַרק באַדויערט: אַ רחמנות, ס׳איז נעבעך עלנט, אַ יתום! האָט מען עס אַ מאָל באַליידיקט מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ זעץ, פֿלעג איך מיר אַרויסשטעלן, זיך אָננעמען קעלבלס קריוודע, און געכאַפּט דערפֿאַר דאָס מײַניקע. אָט דאָס האָט מיך נאָך מער צוגעצויגן צום קעלבל דערפֿאַר, וואָס מען איז אַקעגן אונדז ביידע געווען גראָב אומגערעכט, וואָס מיר ביידע האָבן געליטן פֿון אַנדערע, שטאַרקערע פֿון אונדז, גאָר אומזיסט. נישט אַזוי די באַליידיקונג, די יסורים, דער ווייטיק פֿון קלעפּ האָט מיך געאַרט, ווי דאָס אומרעכט, מיט וועלכעס יענע האָבן עס אָנגעטאָן. – און אַ פּנים בײַם קעלבל בין איך אויך טאַקע געווען אַ שטיקל חשוב. וואָרעם עס פֿלעגט זיך לאָזן גלעטן פֿון מיר בײַם קעפּל, אָננעמען בײַ די אויערלעך, קוקנדיק דערבײַ צו מיר מיט אַ פּאָר אומעטיקע אויגן, לעקנדיק מיך פֿרײַנדלעך, גלײַך ווי עס וואָלט זיך פֿאַר מיר עפּעס געקלאָגט, געוואָלט עפּעס אַזוינס זאָגן. איך ווידער האָב עס, דאַכט זיך, פֿאַרשטאַנען, געפֿילט וואָס אים איף דער לונג, וואָס לעקט עס מיך מיט דער צונג.

אָט דענסטמאָל-אָ, דעם קעלבל צו פֿאַרדאַנקן און דעם הויז-געזינטס באַנעמונג אַקעגן אים, איז אין מיר אַרײַן אַ געדאַנק, נאָר עפּעס ווי אַ דבוק – אַ געדאַנק, זאָג איך, נישט גלאַט אַ געפֿיל, אַ טונקלס, אַ שטילס, אָן לשון, נאָר טאַקע ריין גערעדט, מיט ווערטער; אַז אַ בהמה, בלוט און פֿלייש ווי אַ מענטש, האָט אויך, איר הערט? אַ נשמה ווי ער; אַז אַ בהמה מיט האַרץ, מיט אַלע רמ״ח אברים, לײַב-און-לעבן ווי אַ מענטש, פֿילט לײַד און פֿרייד, יסורים און פֿאַרגעניגן אויך ווי ער! – שפּעטער האָב איך מיט דעם דאָזיקן געדאַנק מיך

אַרומגעטראָגן גאַנץ אָפֿן, אים געלאָזט וואַקסן, וואַקסן, זיך אַרויסזאָגן פֿרײַ, נישט געהערט אַ וועלט, ביז ס׳איז געקומען אַזוי ווײַט, אַז בהמות האָבן אויך אַ לשון, זייער לשון, זייער קוק אויף דער וועלט, זייער מין יושר און דרך-ארץ, זייער פֿאַמיליִענלעבן, אייגענע און קהלישע אינטערעסן, זייער מיני געבאָט, מנהגים, געריכט, און אפֿשר טאַקע אויך זייער מין רעליגיע – קורץ, אַלע מעלות און חסרונות ווי מיר, נישט צוזאָגן אַפֿילו להבדיל. ס׳איז דאָ אויך צווישן זיי אַלערליי אומות, נאַציעס, מינים הייסט עס אומות גרויסע, שטאַרקע, געוואָפֿענטע מיט גוטע כּלי-זײַן, וואָס רײַבן, רײַסן, געוועלטיקן ביד רמה, און אומות קלייניטשקע, שוואַכע, קריכנדיקע, פֿאַרוואָגלטע, בײַ יענע אין די לאַפּעס. צווישן איין אומה בהמות גופֿא זענען דאָ פֿאַרשידענע קלאַסן: בהמות געהויבענע, זאַטע, פֿעטע, שיינע, ליידיק-גייער, געלערנטע, מיט אָנשטעלן, און זיי אַקעגן יענע פֿונעם געמיינעם עולם: אויך-מיר-בהמות, הונגעריקע, דאַרע, אויסגעדייווערטע, שטענדיק אין דער אַרבעט, פֿאַרגרעבטע, פֿאַרפֿינסטערטע, וויסן נישט פֿון זייער חיות. עס זענען דאָ צווישן זיי גוטע אי שלעכטע, בייזע אי שטילע, רויקע, געלאַסענע; פֿוילע אי בריות; פֿאַלשע אי געטרײַע; גנבים, נאַשערס, פֿרעסערס אי ערלעכע, כּשרע, נישט קיין טרפֿהנע העלדזער; עגאָיִסטען, נישט פֿאַרגינערס, קאַפּאַבל אויף אַלצדינג פֿאַרן אייגן נפֿשל, אי באַרעמהאַרציקע גרייט זיך מקריב זײַן פֿאַר יענעם אין אַ נויט. ראַיות דערויף זענען דאָ גוזמא-גוזמאַות, גאַנצע פּעק, ס׳איז דאָ אַזעלכע, וואָס איטלעכן פֿאַר דער נאָז, מען פֿאַרשפּאָרט גאָר ווײַט צו זוכן. ווער אַ שטייגער האָט נישט געזען, וואָס פֿאַר אַ מכניס-אורחטע אַ קו איז? אַ מנין בהמות אַפֿילו מעגן אַרײַנשטעקן די מאָרדעס צו איר אין צובער, בשעת זי פֿרעסט – און גאָרנישט, זי זאָל עס כאָטש אַ פּיפּס טאָן. אָדער נעמט אַ הונט, אַ שטייגער. עס מאַכט זיך אַ מאָל אַ הונט קומט אין שטעטל, עס מעג זיך זײַן אַן אויסלענדער, פֿון פּרס-ומדי, פֿון עק וועלט, בילט ער מיט אַלע גלײַך, איין הינטעש לשון, איין דעה – פּאַני-בראַטצי מיט אַלע זײַן-גלײַכן, אַ הונט ווי אַלע הינט, פֿאַרשטייען זיך איינער דעם אַנדערן זייער גוט. אדרבה, איז עס דערזען אָדער דערהערט געוואָרן צווישן בהמות אַזאַ קללה, אַז אַ הונט, אַ שטייגער זאָל מוזן בילן אַזוי פֿיל לשונות וויפֿל עס זענען דאָ מדינות. און דער וואָס בילט הינטיש דאָ, זאָל זיין אַ שטומער דאָרט? יאָ, ראַיות זענען דאָ גענוג, איבער גענוג, נאָר דער מענטש אָבער וויל דערפֿון נישט וויסן. אים איז גלײַכער מאַכן זיי, די בהמות, פֿאַר

שטיקער פֿלייש, נישט צוצולאָזן זיי קיין שום פּיצל שׂכל, קיין שום געפֿיל. אינגאַנצן וואָס זיי לעבן איז נאָר פֿאַר אים: טויגן זיי אים, הייסן זיי ניצלעכע; אלא ניט, זענען זיי שעדלעכע, איבעריקע, אויף דער וועלט. גאָר עט אין די פֿריִערדיקע דורות האָבן מענטשן, ווי עס זעט אויס, זיך אַ פּנים געשייט אַזוי מיאוס גראָב זײַן אַקעגן די בהמות, די רציחה צו עסן זיי, געזוכט אַרײַנלייגן אין יראת-שמים. – עס האָט געהייסן, ברענגן נאָך אַ קרבן, קווילען זיי לכּבוד זײַן נאָמען, אים אַ שטיקל, זײַנע 'פּריסטער' אַ שטיקל, און אגב טאַקע דאָס איבעריקע פֿאַר זיך אַליין. – אָט אַזוי האָב איך מיט דעם געדאַנק מיך אַרומגעטראָגן, שוין אין די עלטערע יאָרן, אָבער דענסטמאָל, בשעת נאָך אַ ייִנגל, האָב איך דעם דאָזיקן געדאַנק, באַלד טאַקע בײַם געבאָרן ווערן, געשטיקט אין מיר ווי אַ ממזר, נישט צולאָזן אים אויפֿקומען, הויך אַ פּיפּס טאָן. לאָזן לײַט נישט זען וואָס פֿאַר אַ בחירל איך בין, פֿאַרקראָכן גאָר צו בהמות און טראַכט אַזוינס, וואָס מען טאָר נישט. נאַט אײַך אַ בעל-רחמים! איך האָב געהאַט דערפֿון פֿיל צער. נאָר דער יצר-הרע פֿון רחמנות איז אַזוי גרויס, אַז עס האָט מיך געצויגן צום קעלבל, און מיר זענען געוואָרן געטרײַע חברים!

געטרײַע חברים! די דאָזיקע ווערטער וועלן עפּעס קלינגען משונה ווילד, עפּעס גאָר ניט פֿאַר דעם מוח. אמת! אַזוינע, ווי נאָך פֿילע אַנדערע זאַכן אין דער וועלט, זענען נישט טאַקע צו פֿאַרשטיין מיט דעם מוח, נאָר צו פֿילן באַדאַרף מען זיי מיט דעם האַרצן. אוממיגלעך צו דערקלערן זיך רעכט גוט יענעמס שטייגער דענקען, יענעמס מעשׂים. נישט צו פֿאַרזעצן זיך אין יענעמס לאַגע – אין זײַן צײַט, זײַן עלטער, און זײַן אָרט. די צײַט יאָרן פֿון איטלעכס עלטער אין דעם מענטשנס לעבן איז אַ באַזונדער וועלט פֿאַר זיך מיט אירע גענג, מיט אירע געדאַנקען, פֿאַרשטעלונגען וואָס איז גוט, וואָס שלעכט, מיט איר געשמאַק, מיט אירע חפֿציות, אַלץ-מיט-אַנאַנדער. ווילט איר אַ שטייגער דאָס ייִנגל פֿאַרשטיין, מוסט איר אין דעם ייִנגלס וועלט גיין. איר באַדאַרפֿט זיך פֿילן, הייסט עס, יונג. עס זאָל אײַך דאַכטן אַ ייִנגל מיט די ביינער, דער חסרון איז אָבער, וואָס גרויסע, דערוואַקסענע, צי מחמת אַ קורצן זכּרון צי מחמת עפּעס אַנדערש. באַטראַכטן די גענג פֿון קינדער נישט לויט דער קינדערשער וועלט, אין וועלכע זיי אַליין האָבן זיך אַ מאָל געפֿונען, נאָר לויט זייער איצטיקער וועלט אין די עלטערע יאָרן. אַזעלכע אָבער, יונג-אַלטע, נעמלעך, וואָס וועלן זיך אַראָפּלאָזן צו מיר, אין מײַן דענסטמאָליק

וועלטל און מיך גוט פֿילן – פֿאַר זיי וועט דער גאַנצער שמועס מייַנער דאָ גאָר ניט זייַן אַזוי פֿרעמד. דענסטמאָל האָב איך מיר אַלצדינג נאָך מייַן שטאַנד זיך פֿאָרגעשטעלט. עס האָט מיך זיך געדאַכט, אַז ווי דאָס שטעטל מייַנס אַזוי איז די גאַנצע וועלט. איין פּנים, איין שטייגער פֿירונג, מענטשן בהמות אַלע גלייַך, וואָס מאַכט עס אויס? מ ע נ ט ש ן, י י ִ ד ן הייסט עס, דאַוונען, זאָגן תּהילים, לערנען משניות, אַ בלעטל גמרא, זיצן אין קלייטלעך, גענעצן, טאַלעבענדען זיך אַרום, באַשטעקלענדיק זיך מיט שטעקנס, שטעקעלעך אַלערליי, ייִנגלעך גייען אין חדר, קעלבלעך, בהמות אין דער טשערעדע. דער רבי מיט דעם קאַנטשיק, דער פּאַסטוך מיט דער בייַטש. איין רפֿואה צו אַ פּאַטש, צו אַלע ווייטיקן איז דאָס שפּילן זיך מיט חברים, אַ ייִנגל, אַ קעלבל וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש. זאָל מען אַ שטייגער האָבן די זכיה געפֿינען חן ביי אַ ליאַדע הינטל אין די אויגן ער זאָל פֿאָלגן, בילן אָנפֿאַלן אַז מען הייסט. איז מען גרייט אים נישט נאָר דאָס מיטאָג, אַפֿילו די נשמה אים אויך אַוועקגעבן. חבר זייַן מיט אַ הונט איז אַ גרויסער, גרויסער יחוס...

נישט דאָס בין איך אויסן.

ס'איז נאָך פּסח. אויס בין-הזמנים. מלמדים נעמען זיך קנעלן, איטלעכער מיט זייַן חדר, און דער פּאַסטעך מיט זייַנע בהמות. באַהעלפֿערס שלעפּן, טראָגן, ווי דער סדר העולם איז, פּיצלעך קינדער, שלאָפֿינקע אויף די פּלייצעס אין חדר אַרייַן, און דאָס קעלבל אונדזערס, אַ געזונטס, נישט קליין צולויפֿן מיט די פֿיסלעך אַליין, בלייַבט גאָר איבער – אַ חידוש כ'ילעבן – אין דער היים! עס גייט אַרום בטל. פֿאַר וואָס? – ס'איז נאָך צו יונג צו טרייַבן עס אין דער טשערעדע, זאָגט דער פּאַסטעך, עס וועט נישט פֿאַרזאַמען די תּורה זייַנע: מעלה-גרהן, מאַכן מיט דעם מויל, נישקשה שפּעטער אַ ביסל אויך. לעת-עתּה, זאָגט ער, זאָל עס מגדל זייַן אונטער אַ היימישער השגחה ביז דער רעכטער צייַט. אין-ברירה, דאָס קעלבל בלייַבט נעבעך און גייט איבער אויף אַ סך הענט. קיין האָניג דערפֿון האָט עס נישט געלעקט. די מאַמע ווייַזט אים אַ היי אין סידור; דער פֿאַרשטאָפּט אים דאָס מויל מיט שהי-פּהי; יענער לערנט דאָס דרך-ארץ – און פֿון די פֿילע טובות איז עס נעבעך שטענדיק הונגעריק, שטאַרק פֿונעם לייַב אַראָפּ. אויף זייַן גליק האָט זיך ביי מייַן מלמד אויסגעלאָזט די תּורה פֿאַר מיר. איך הייב אָן דערוויַיל צו לערנען,

הייסט עס, אין בית-המדרש אַליין פֿאַר זיך. מען פֿאַרלאָסט זיך, הייסט עס, אויף מייַן יושר, און די השגחה אויפֿן קעלבל גייט מיט–דער-צייַט איבער אין גאַנצן מיר אין די הענט. איך ווער עס דער מדריך זייַנס אין אַ גוטער שעה!

עס עפֿנט זיך פֿאַר אונדזביידע אַ נייַע וועלט – אַ וועלט אַ ליכטיקע, אַ שיינע אַ שיינע, אַ פֿרייַע, וואָס נישט איך, נישט דאָס קעלבל האָבן זי ביז אַהער, ליגענדיק פֿאַרשפּאַרט אין חדר, אין שטאַלכען, קיינמאָל נישט אָנגעקוקט. לכה דודי! – זאָג איך אָננעמענדיק דאָס קעלבל בייַם שטריקל, וואָס אים אַרום דעם האַלדז – קום מייַן פֿרייַנד, נצא השדה, אַהין אויפֿן גרינעם גראָז.

אייַ-אייַ, איז עס דאָרט גוט, מחיה! עס לעבט, עס רירט זיך אַרום און אַרום. גאָט'ס באַשעפֿעניש, וואָס ביז אַהער גאָר ווילד-פֿרעמדע פֿאַר מיר, פֿייגעלעך אַלערליי, מיני זשוקלעך אַזוינע, היישריקן, גרילן אַזוינע און אַזוינע, פֿליִען, שפּרינגן הויך אין דער לופֿט אי אונטן צווישן דעם גראָז לעבעדיק פֿריילעך מיט אַ געזאַנגערייַ, אַ זוזשערייַ, אַ צימבלערייַ. עס הערט זיך אַ קאָנצערט, עס פֿילט זיך ריחות פֿון בשׂמים, עס שימערט אין די אויגן פֿון בלומען כּל-המיני קאָלירן. עס אָטעמט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי פֿרייַ. עפּעס טוט עס מיך אינעווייניק אַ בריה – האָפּ-האָפּ-האָפּ! טו איך אַ שפּרונג, קוליע מיך פֿאַר גרויס פֿאַרגעניגן עטלעכע מאָל איבער און צי מיך אויס אויף פֿריש-ווייכע מאָך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיקע זון קוקט מיר גלייַך אין פּנים אַרייַן, שייַנט, שמייכלט, ווי גערעדט: אַ יאָ, ייִנגעלע, גוט?

עפּעס גאָר ניט ווילענדיק, ווי פֿון זיך אַליין, עפֿנט מיר זיך דאָס מויל און אַ יקום-פּורקן ניגון לאָזט זיך הערן אויף אַ וויינענדיק-קוויטשען בייַ-קולכען. דאָס קעלבל קוקט זיך צו מיר אום און מאַכט: מע! עס האָט אַזוי פֿיל געהייסן: שאַ, וואָס איז?..

איך טו מיך אַ כאַפּ – האַ! וואָס איז, רב ייִדעלע, באמת דאָ אַזוי דאָס געוויין? שפּייַ אויס, און בלייַב שטום.

דאָס קעלבל פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם עסן געשמאַק מיט כּוונה. איך קוק, קוק פֿאַרטראַכט און עס קומט מיר פֿאָר יעקב אבֿינו, ווי ער פֿיטערט די שאָף בייַ לבן-ארמי, עס דאַכט זיך מיר אויך דאָס גוטע

באַגעגעניש זײַנס מיט רחלען בײַם ברונעם דאָרט, ווי זיי קושן, האַלדזן זיך פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט. עס טוט מיך אינעווייניק פּלוצלים עפּעס אַ פּיק – און בלײַב ליגן עפּעס ווי אָפּגעקאָכט.

דאָס איז געווען אַ פּיק פֿון יצר-הרע. דאָס האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערעניש אַקעגן אַ שכנס אַ מיידל, זייער אַ שיינע, מיט וועלכעס איך פֿלעג מיך תּמיד שפּילן, און פּלוצלים אָנגעהויבן זיך שעמן, רויטווערענדיק בײַם באַגעגענען זיך מיט איר, נישט רעכט צו וויסן פֿאַר וואָס. היינטיקער פּיק אָבער האָט מיר געגעבן גוט צו פֿאַרשטיין אַלצדינג, ס׳איז מיר טאַקע גוט אין טעם אַרײַן – און איך האָב דערפֿון גרויס צער געהאַט. דער יצר-טוב האָט מיר דערנאָך געגעסן: זייסטו בחור, אָט דאָס האָסטו איר, פֿון דער נאַטור דײַנער, ווי הייסט מען עס! זי, די שיינע נאַטור, מ׳שטיינס געזאָגט, מיט איר פּוץ, מיט איר חן, אָט די מ כ ש פֿ ה ט ע גיט עס אײַן אַ מענטשן מיאוסע געפֿילן אַזוינע ווי דיר אַצינד. נאַטור-שמור, שיינקייט – שמיינקייט – פֿע! אין בית-מדרש אַרײַן, שייגעץ איינער!

עס פֿאַרשטייט זיך, דאָס קעלבל נעבעך האָט פֿון אים זיך אויך נישט גענאַרט. ״סטײַטש, סטײַטש אַ ייִדיש ייִנגל און אַ קעלבל!! אַ שייגעץ ביסטו דען, שייגעץ איינער?!״ -

דער יצר-הרע אָבער איז נישקשה קליגער פֿונעם יצר-טוב. אויך פֿיל שטאַרקער פֿון אים. קוים איז אַ ייִנגעלע אַרויס פֿונעם אונטער-אויבן געשטעלט אַ פֿיסעלע אין גאָטס שיין פֿרײַ וועלטל, אַ קוקעלע געטאָן דאַרויף און ס׳איז אים אַרײַן אין טעם, הע-הע! וועט אים שוין שווער זײַן זיך אומקערן צוריק; וועט עס פֿון אַ מינדסט שטופּעלע זיך רוקן, רוקן ווײַטער ווײַטער, און דערנאָך – וועט עס גיין ווי אַ פּוטער, גאָר פֿון זיך אַליין.

איך בין געגאַנגען, וווּהין? עס פֿאַרשטייט זיך אַהין, אין דעם פֿרײַען פֿעלד, איך מיט דעם קעלבל טאַקע.

אָנגעהויבן לכתּחילה האָבן מיר די פֿיטערונג מיט דעם גרינעם באַרג, נישט ווײַט פֿונעם שטעטל, דערנאָך האָבן מיר זיך פֿאַרקליבן עט ווײַט, אויסזוכענדיק אַ וווּנדער-שיין אָרט, גאָר אַ געמעל. לאָז זיך אײַך דאַכטן אַ וואַלד. ביימער-סאָסנעס געוויקסיקע ציִען זיך ווי אַ סטרונקע גלײַך, הויך אין הימל אַרײַן, אונטן גלאַט-נאַקעט און אויף

די קעפּ גרינע היטלען-קאַפּעליושן אַ ים, צווישן וועלכע עס ברעכן זיך דורך שטראַלן ליכטיקע פֿון דער זון און באַלייגן דאָס ריינע סאַמעטענע גראָז זיי ביַי די פֿיס מיט העלע פּאַסן גינגאָלדענע. פֿאַר דעם וואַלד שטייען קליינע-געדיכטע וועלדלעך, פֿון נידעריקע יונג-פֿרישע זאַפֿטיקע ביימלעך כּל-המינים, צעוואָרפֿן דאָ, דאָרט, אויף אַ היבשן, פֿריַיען מיט גרעזעלעך און שמעקענדיקע קריַיטעכצער באַוואַקסענעם פּלאַץ. פֿאָרענט-צו ציִען זיך פֿון אים, פֿונעם פּלאַץ, אַוועק פֿעלדער תּבֿואה עט לאַנג, נישט צו פֿאַרנעמען מיטן אויג, און אים ביַי דער זיַיט לאָזט זיך די גאַנצע געגנט אַלץ נידעריקער-נידעריקער אַראָפּ אין אַ טאָל, ווו עס שפּורדעלט, רייזעלט אַ ריין-קלאָר וואַסערל לעבעדיק-שפּילענדיק ווי אַ קינד, דאָס באַהאַלטנדיק זיך ערגעץ צווישן געדיכט פֿאַרצוויַיגטע ווערבעס דאָרט, דאָס אַ וויַיז-געבענדיק זיך ווידער, לויפֿענדיק-שפּרינגענדיק באַרג אַראָפּ פֿון שטיינדלעך אויף שטיינדלעך, האַלטענדיק איַין מאַכן בול-בול-בול! חוץ מיר און דעם קעלבל נישטאָ דאָרט קיינער. נאָר וואָס אַ מאָל טראָגט דער גוטער יאָר אָן עפּעס אַ פֿויגל, שטעלט זיך אויף אַ צוויַיגל, וואַרפֿט אויף מיר בגנבֿה אַן אויגל, וווּנדערינדיק זיך, ווער זאָל עס זיַין אָט דער מין נפֿש, טוט באַלד טאַקע אַ בוק מיטן קעפּל, אַ טרייסל מיטן ווידעלע, אַ מאַך מיט די פֿליגעלעך און — זיַי געזונט! אַוועק, אַוועקְ אָדער אויף יענער זיַיט טאָל אַקעגן לאָזט זיך אַ מאָל אַראָפּ אַ בושל טוט זיך אַ שטעל אויף די לאַנגע, רויטע פֿיס, אויסשטרעקענדיק אין דער הויך דעם לאַנגן זילבער-וויַיסן האַלדז מיט דעם רויטן פּיסק, שטייט אַזוי אַ וויַילע קיין ריר זיך נישט צו טאָן. פּלוצלים קליפּ-קלאָפּ, קלאָפּ-קליפּ מיט דעם שנאָבל און — מאַרש, מאַרש איבער דעם זומפּ, ציַיטנוויַיז פֿאַרטראַכט זיך אַ ווידער-קול ערגעץ אין דעם וואַלד, אַ געקלאַפּעריַי פֿון פֿורלעך אויף דעם וועג דאָרט.

איך ליג מיר מחילה צולייגט, שמאַכענדיק פֿאַר גרויס פֿאַרגעניגן, קוק אויף קעלבל און טראַכט: אַז ווויל איז אונדז ביידע! ביידע האָבן מיר איינער דעם אַנדערן צו פֿאַרדאַנקן דער מיט, וואָס מיר זענען דאָ. ווען נישט איך וואָלסטו אַצינד געהינעט אין שטאַלכן, און ווען נישט דו וואָלט איך אַצינד געהינעט אין בית-מדרש.

אָט אַזוי פֿלעג איך פֿאַרברייַנגען אַ שטיק טאָג, שעפּענדיק נחת פֿון גאָטס וועלטל און פֿונעם קעלבל, וואָס האָט זיך שטאַרק צוגעלאָזט

צו מיר. געוואָרן מיט מיר, ווי מען זאָגט פּאַני-בראַטצי. מען האָט געמעגט אָנקוקן אויף חידושים מיט וואָס פֿאַר אַ שמחה עס האָט זיך געשפּילט מיט מיר, מיט וואָס פֿאַר אַ קעלבערנע התלהבות עס האָט זיך געלאָזט לויפֿן, אונטערהייבנדיק דעם הינטן מחילה, אַזוי זיך פּלוצלים ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל ביַי אונדז ייִדישע קינדער, עפּעס פֿון דער העלער הויט. טאַקע נאָר עפּעס ווי אַ קינד צו דער מאַמע פֿלעגט עס אַ מאָל אויסשטרעקן דעם האַלדז, אָנבייגנדיק צו מיר דעם קאָפּ, ווי געזאָגט: נאַ, קראַץ מיך! אין פֿאַרלויף פֿונעם זומער זענען מיר ביידע ווי איבערגעביטן געוואָרן. דאָס קעלבל האָט אויף זיך גענומען לײַב, ס׳איז אים אויסגעקראָכן די האָר און באַקומען אַ נײַע גלאַנצנדיקע הויט. איך בין געקומען צו די קרעפֿטן, באַקומען גאָר עפּעס אַ נײַע הויט און זייער אַ שטאַרקן אַפּעטיט. דאָס לערנען האָט ביַי מיר דענסטמאָל אַזאַ טעם געהאַט ווי ביַים זאַט קעלבל קומענדיק פֿונעם פֿעלד האָט אַ טעם געהאַט שטרוי, קאַרטאָפֿל שאָלעכץ – עט, גאָרנישט, קיַי-שפּיַי!

מילא וועגן דעם קעלבל איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן, מען האַלט שוין דער מיט אויף אַ שטייגער – עס וועט אם-ירצה-השם, אַבי געזונט, זײַן אַ בהמה, די שאלה אָבער איז אַצינד: בחור! ווו האַלט מען מיט דיר? אָט קוק דיך כאָטש אָן, דאָס אויסזען דײַנס. גאָר ניט דעם איידלקייט, דאָס ייִדיש פּנים וואָס פֿריִער. אַ פּנים, מישטיינס געזאָגט, אַ רויטס, עפּעס אין גאַנצן מגושם גראָב, געזונט עשו! אַ עסן אַ ביסל, עפּעס גאָר געפֿרעסן, באַהיט זאָל מען ווערן.! אָט דאָס האָסטו דיר, בחורל, פֿון דײַנע פֿעלדער, דײַנע וועלדער. וואָס דען, גוטס קען דערפֿון אַרויסקומען?

אַזוי האָבן זיך געווענדט צו מיר מיט אַ מוסר מײַנע היימישע, מיך געפֿרעגט און געענטפֿערט פֿאַר מיר, זיי טאַקע אַליין:

איין מיטל פֿאַר דיר, בהמה איינער, עס זאָל אויס דיר ווערן אַ לײַט, איז נאָר די ישיבה. קיין אַנדער תּכלית איז גאָר ניט געמאָלט.

עס האָט מיר האַרציק באַנק געטאָן שיידן זיך מיט דעם קעלבל, מיט גאָטס וועלטעלע, דאָס שיינע, וואָס האָט מיר אַרײַנגעגעבן אַ נײַע נשמה: נאָר ווער וויל עס נישט ווערן אַ לײַט, קומען צו אַ תּכלית? אַך, רבונו-של-עולם, האָב איך ביַי מיר געטראַכט, עס זאָל מעגלעך

זײַן אַריבערצופּעקלען אַהינצו, אין דער ישיבֿה, אָט אַלצדינג, דאָס קעלבל אַהין אויך טאַקע!

דאָס לעבן מײַנס אין דער ישיבֿה, אָדער בעסער צוזאַמען דאָס וואַלגערן זיך מײַנס דאָרט, אין אַ ווילד-פֿרעמד אָרט, פּאַסט נישט אַהער צו דער מעשׂה. דער עיקר איז דאָך דאָ די מעשׂה מיט דעם קעלבל, איך שלעפּ מיך נאָר ווי אַ צוגאָב אים נאָך, נישט מער גלאַט, אַז ס׳איז שוין געקומען צו רייד מוז איך כאָטש זאָגן עטלעכע ווערטער.

יאָ, אמת, די ישיבֿה טאַקע ווירקט! במשך אַ קורצער צײַט האָט זי אויס מיר געמאַכט אַ נפֿש מיט איין אויסגעוויקט פּנימל, מיט העוויות און פּאָסטעמקעלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם זיבעטן חן. וואָלט איך ווי אַנדערע זיך געוועןן אַוועקגעוואַלגערט יאָרן לאַנג דאָרט, איז גאַנץ זיכער, אַז זי וואָלט אויס מיר געמאַכט אַ לײַט, טאַקע וואָס לײַט הייסט, לכל-הפּחות נישט ערגער פֿון יענע אַלע אונדזערע שיינע לײַט וואָס זענען א י ר א ר ב ע ט, א י ר מ ל א כ ה. נאָר אָמנם הטאתי! מיך געשטערט דרינען האָט זייער פֿיל דער יצר-הרע. ער אין דער געשטאַלט פֿונעם קעלבל און פֿון דער יפֿת-תּואַר – די נאַטור די שיינע, ער האָט עס מיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, נישט לאָזנדיק מיך ווערן אַ כּלי-שלמה. אָנקוקנדיק פֿאַר מיר די קלויזניקעס, די ישיבה-בחורים האָט זיך מיר געדאַכט – קעלבל. פֿלעגט איינער, ווי דער שטייגער איז, זיך קראַצן – אָט אַזוי האָט זיך געקראַצט דאָס קעלבל. פֿלעגט איינער אַ האַרב שטיקל עפּעס אין דעם לערנען אַ מאָל צען איבערקײַען – אָט אַזוי האָט געקײַט, געמעלה-גרהט דאָס קעלבל. האָט איינעם, ווי געוויינטלעך, "געפֿעלט אַ טאָג" און נישטאָ וואָס צו קײַען, ער האָט געהונגערט, געלעכצט נעבעך נאָך אַ שטיקל ברויט – אָט אַזוי האָט די ערשטע צײַט געהונגערט, געלעכצט נאָך דער ברוסט דאָס קעלבל. הכּלל, איטלעכע תּנועה זייערע האָט דערמאָנט קעלבל. אומעטום איז פֿאַר מיר געשטאַנען דאָס קעלבל. און וואַלגערנדיק זיך אין דער ישיבֿה, גלײַך אַנדערע דאָרט, אַ מאָל אויף אַ האַרטער באַנק, אַ מאָל אויף דער ערד, אַ קולאַק צוקאָפּנס, עס שטינקט מחילה וואַנצן, פֿליי בײַסן – אָט דענסטמאָל גראָד, הערט אַ מעשׂה, פֿלעגט זיך מיר עפֿענען אין די געדאַנקען ווונדער-שיינע פּאַנאָראַמעס: ביימער, תּבֿואות, בלומען, בערגלעך, טאָלן, אַ גילדענער זון און אַ ריינער בלויער הימל, אין קאָפּ

שפּילט מיר אַ ציזיק, אין די אויערן זשוזשעט מיר אַ זשוקל, אין נאָז פֿאַרגייען מיר ריחות – דאַכט זיך בשׂמים... צוקאָפּנס דאַכט זיך מיר, פֿון מאָך אַ קישעלע און עס קריכן אויף מיר, דאַכט זיך משה-רבינוס פֿערדעלעך. עס ציט מיך, ציט בײַ דער נשמה אַלץ אַהין, אַהין... נו, אַ יצר-הרע! – –

און אַ מאָל פֿלעגט עס מיר טאָן אַ טראָג-אויף, עס פֿלעגט דערוועקן זיך אין מיר הייסע געפֿילן, עס האָט געקאָכט, געוויינט אין מיר דאָס האַרץ אויף מיר, אויף מײַנע חברים, ייִדישע קינדער:

אַך, ברידער אין דער פֿרעמד פֿאַרוואָגעלטע ברידער, אַז-אָך-און-ווײ צו אונדזערע טעג, צו אונדזערע יאָרן! גענוג אָנגעלערנט זיך אויף דער ערד, לעבעדיקערהייט זיך דאָ צו באַגראָבן, שוואַרצן דאָס פּנים, זיך לאָזן בײַסן פֿון פֿלײ, פֿון וואַנצן. אין דער ערד זענען מיר, אין דער ערד איז אונדזער לערנען...

נאָר מײַנע חברים אַרום מיר ליגן ווי דערהרגעטע, שלאָפֿן! – איך איינער בין וואַך, בייז, טראַכט וועגן זײ עפּעס אַ שרעק און באַלד האָב איך חרטה, וויין שטילערהייט.

ברידערלעך, זײַט מיר מוחל וואָס איך בין פּוגע אײַער כּבֿוד מיט אַ בייזן געדאַנק, מיט אַ שלעכט וואָרט אַ מאָל. אַ גאָטס רחמנות נעבעך אויף אײַך – שלאָפֿט, שלאָפֿט געזונטערהייט!

"מאַמע לעבן!" – שרײַב איך אין איין שיינעם זומער-טאָג אַהיים צווישן אַנדערע זאַכן – נעכטן איז בײַ אונדז געווען אַ סיום אויף 'ביצה'! איך באַגער, נישקשה, לערנען, האַלט שוין, ברוך-השם, אויף אַ שטייגער נאָר וואָס דען? שטאַרק אַהיים בענק איך, נאָך דיר, מאַמע, נאָך איטלעכן (נאָכן קעלבל האָב איך מיך געשעמט זאָגן). אוי, לאָז מיך אויף אַ פּאָר טעג קומען אַהיים! עס וועט קיין הוצאות נישט קאָסטן. איך וועל גיין צו פֿוס. נישקשה, וואָס איז? אַלע בחורים בײַ אונדז גייען צו פֿוס. און נאָך וואָס פֿאַר אַ מין גייען – באָרוועס. מיט דעם שטעקן אין דער האַנט און דעם פּעקל אויף די פּלייצעס. אַקעגן אַ ח"י גראָשן פֿאַרמאָג איך טאַקע במזומנים, נאָך פֿון פּורים, פֿאַר לייענען די מגילה דער קעכנע דאָרט, ווו איך עס שבת, און פֿאַר אָפּטראָגן פֿונעם בעל-הבית משלוח-מנות צו זײַן מחותּן. לאָז מיך, מאַמעניו, אוי, איך בעט דיך!

און נישט וואַרטנדיק אויף תּשובֿה לאָז איך מיך שפּעטער מיט עטלעכע טעג, אַזוי ווי איך שטיי און גיי, אין וועג אַרײַן, עס פֿאַרשטייט זיך צו פֿוס. אויב ס׳איז נאָר געמאָלט אויף דער וועלט גליק, און געווען דענסטמאָל איין גליקלעכער מענטש אויף איר, איז דער איינער איך. עס פֿאָרן דאָך סוחרים אין בוידן, פּריצים אין קאַרעטעס, אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דאָס פֿאָרן זייערס אַקעגן דעם צו פֿוס גיין פֿון אַ ישיבֿה-בחור ווי איך, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון שימל, אַ דערשטיקעניש, אויף דער פֿרישער לופֿט, פֿון אַ פֿינצטערער מרה-שחורה דאָרט אויף דער פֿרײַער ליכטיקער וועלט; וואָס ווערט עפּעס פֿון טויט לעבעדיק! אַרויסגעגאַנגען בין איך גאַנץ פֿרי, געגאַנגען מיט זײַטנוועגלעך צווישן ווייץ און קאָרן דעם גאַנצן טאָג, אונטערשפּרינגענדיק פֿאַר פֿרייד, אויך אונטערזעצנדיק זיך אַ מאָל, און געקומען אַהיים בין איך מנחה צײַט, ווען בהמות קומען צוריק פֿונעם פֿעלד.

מײַן קעלבל זע איך, איז הע-הע, אָן עין-הרע, אַ קאַלב. עפּעס אַ גאַנצע יפֿהפֿה! צוויי ביקלעך קאַוואַלירן פֿירן זי אָפּ אַהיים אַזש ביז צום פּלייט פֿונעם גאָרטן הינטער דער שטוב, שדכנען זיך, אונטערלעקן זיך צו איר, אַרויסווײַזנדיק דרינען גרויסע בריהשקייט, און הענגען זיך פּשוט אויף איר. איך בעט מחילה די פֿיינע חתנים, פֿאַרטרײַב זיי מיט אַ שטעקן און גיב מיך אַ שטעל דער כּלה מײַנער גלײַך איר אַקעגן פּנים. – שלום-עליכם, קעלבל! מאַך איך און וויל עס אַ גלעט טאָן. עס בויגט אָן דעם קאָפּ, נישט אָנצוקוקן מיך, אויסשטעלנדיק מיר אַ פּאָר קליינע שפּיציקע הערנער, ווי גערעדט: אָן הענט! וואָס פֿאַר אַ מחותּן מיט מיר, מיך צו גלעטן, ביסטו, פֿעטער? – עס פֿאַרדריסט מיך טאַקע אַ ביסל, נאָר, נישקשה, טראַכט איך מיר, מען באַדאַרף זיך פּריוון נאָך אַ מאָל. – מאַין-מאַין-מאַין! זאָג איך האַלטנדיק דער יפֿהפֿה פֿאַר דער נאָז, אַ ביסל פֿון דער ווײַטנס, אַ הויפֿן גראָז-נאַ, הייסט עס, אַ מתּנה פֿון מיר! זי שמעקט, סמאַרעט מיט דער נאָז, אָנקוקנדיק מיך פֿאַרוווּנדערט, גלײַך ווי געזאָגט: עפּעס קענטלעך! דאַכט זיך דער, און פֿאָרט נישט דער. – האַ, נישט דערקענט? איַי-איַי! שמייכל איך אַ ביסל מיט תּרעומות, מיט גאַל, הייסט עס. און קוקנדיק אַ ווײַלע אַזוי אויפֿן קעלבל ווי שיין, געזונט, באַלײַבט, ווי לעבעדיק פֿריש עס זעט אויס; פֿאַרגלײַכנדיק אים אַקעגן דאָס דאַרע-קוואַרע לײַב מײַנס, דאָס בלייך אויסגעווייקט פּנימל מיט דער גאַנצער ישיבֿה-בחורשע

געשטאַלט מייַנער, מישטיינס געזאָגט, כאַפּט זיך מיר נישט ווילנדיק אַרויס אַ זיפֿץ טיף פֿונעם האַרצן. דאָס איז געווען אַ זיפֿץ אויף מייַן פֿאַרוויסטע יוגנט, אַ הספּד אויף מייַנע פֿאַר דער צייַט אָפּגעשניטענע יאָרן; דאָס איז געווען אַ ביטערע פֿראַגע: רבונו-של-עולם, איז דען טאַקע דאָס דייַן ווילן, אַז מען זאָל אַ מענטשן נאָך, קינדווייַז פֿאַרשפּאַרן ווי אַ גאַנדז אין שטייַ נישט אָנצוקוקן דייַן וועלט, אָנשטאָפּן אים אַ מוח ווי מיר, און מאַכן אויס אים אַזעלכן אַ שטייגער ווי איך? – דאָס קעלבל, דערקענענדיק מיר אַ פּנים אין דעם קול, ווערט מיט מיר היימישער, שטרעקט פֿרייַנדלעך אויס צו מיר דעם האַלדז צום קראַצן, ווי דער שטייגער זייַנער איז געווען פֿריִער. עס שטייט אַזוי עפּעס ווי גערירט, קוקט מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן אונטעמרוקענדיק צו מיר שטיל פֿון דער ברוסט! המ-מ-ם! ס׳איז דרינען געלעגן אַזוינס, וואָס גאָרניט פֿאַר דעם מענטשנס לשון. איך האָב עס אָבער גוט געפֿילט. עס האָט אויסגעדרוקט אַ געבעט: קראַץ מיך, קראַץ מיך דען דייַנער אַ קראַץ איז מיר בעסער ווי דאָס גרין גראָז. אויך האָט עס אויסגעדרוקט אַ פֿראַגע: ווּ ביסטו דאָס פּלוצלים אַהינגעקומען? ווּ האָסטו ביז אַהער זיך געפּיטערט און צווישן וועלכע בהמות דאָרט? און צוגלייַך טאַקע אַ באַדויערן: המ-מ-ם, וואָס פֿאַר אַ פּנים נעבעך דו האָסט!

די מאַמע מייַנע האָט פֿון מייַן פּנים דווקא גאָר אָנגעקוואָלן, אדרבה, זייער שיין. עס האָט איר באַשייַנפּערלעך באַוויזן, אַז איך באַגער לערנען, האָב אַ פּנים פֿון אַ גוט קינד, גאַנץ ייִדישלעך, אַ בלייכס, אַן איידלס און עס ווערט אם-ירצה-השם שטאַרק טויגן צו אַ שידוך. און ווי עס האָט אויסגעזען האָבן זיך געשדכנט צו מיר אַ פּאָר מחותנים, זיי האָבן זיך עפּעס אַלץ געשושקעט מיט דער מאַמע, ווינקענדיק אויף מיר מיט אַ שייַנענדיק מינעלע און אַ קנייטשעלע, ווי בייַם קויפֿן אַ שטיקל סחורה. דער קרעמער אַלץ: פּיששׁ! און די קונים – בע! פֿאַר מיר איז דאָס געווען, עס פֿאַרשטייט זיך, אַ סוד. עפּעס אַ קעלבל איז דען אַ באָכערל, צו וויסן פֿון אַזעלכע זאַכן? – עס וואָלט געווען באמת גאָר אַ פּלא, אַז איך מיט דעם קעלבל ביידע וועלן מיר אין איין צייַט זיך פֿאַרקנסען! נאָר אַ פּנים מיר איז נישט באַשערט געווען און פֿונעם גאַנצן עסק האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייַך.

דער יצר-הרע אָבער שלאָפֿט נישט, איז ווי פֿריִער צוגעשטאַנען צו מיר. נישט אַנדערש איך זאָל מיך מטריח זײַן צו איר – איר פֿאַרשטייט, אויף דעם פֿרײַען פֿעלד דאָרט צו  א י ר,  צו דער נאַטור הייסט דאָס, אונטער איין אויסרייד, צוליב דײַן געזונט טאַקע, פֿון דײַן טובה און דײַן הנאה וועגן, נאַרעלע. געפֿועלט בײַ מיר דאָס, גיט ער מיר אַ טאַפּ, כּלומרשט גלאַט אַזוי זיך, הינטן-אַרום, מכּוח מײַן חכמה, מײַן געלערנטקייט, מײַן באַשעפֿטיקונג און דעם תּכלית מײַנעם פֿון די אַלע זאַכן, און בײַ איטלעכן טאַפּ פֿאַרקרימט ער זיך מיט אַ שטעכנדיק געלעכטערל, עפּעס ווי איך בין אַ פּרא-אדם, אַ ווילדע בריה נישט פֿון דעם עולם, מישטיינס-געזאָגט. קורץ עס קומט דערצו, אַזוי ווײַט, אַז ער צוטרענצלט מיר די ישיבֿה, דאָס, יענעם, האַק און פּאַק – אַזוי און אַזוי: דו ביסט אַ... בְהמה! מיינסטו אפֿשר? חלילה, אַ בהמה איז זיך אַ בהמה, ווי גאָט האָט זי באַשאַפֿן, לעבט נאָך זײַנע געבאָט, אָן שפּיטלעך, אָן רעדלעך, אַ מענטש, אַ נאַר אָבער זוכט זיך אויס זאַכן אַזעלכע, כּדי צו זײַן נישט אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפֿן. דאָס לעבן זײַנס פֿירט זיך נאָך זײַן אייגענע אויפֿטועכטסען, פֿון אים  ג ע מ אַ כ ט ע,  אָ נ ג ע מ אַ כ ט ע זאַכענישן. – אַ נאַרישער מענטש, אָט וואָס דו ביסט, תּכשיט מײַנער!

נאָר, עט, דבֿרים בטלים! די נויט ברעכט אײַזן, איין אײַזערנעם יצר-הרע אויך אַפֿילו. בלײַבן בײַ דער אָרעמער מאַמע, אַ וויסטע אַלמנה מיט יתומים, איז געווען ריין אומעגלעך. איך געזעגן מיך מיט מײַנע אַלע ליבסטע, זאָג אַ זײַ געזונט די שיינע פֿעלדער, די גרינע וועלדער, ווּ איך האָב געשפּאַצירט, און לאָז מיך אַוועק צו פֿוס ווײַטער אַהין, אין דער ישיבֿה.

אַ ביטער יאָר, נישט פֿאַר יִדישע קינדער געדאַכט, האָב איך געהאַט דאָס מאָל אין דער ישיבֿה, פֿיל ערגער נאָך ווי פֿריִער. אַ יאָר אָן 'טעג' – עס האָט מיר געפֿעלט טעג צום עסן, און איך האָב געליטן הונגער. צרת רבים, זאָגן די חכמים, חצי נחמה. אויף יִדיש הייסט עס: די צרה פֿון כּל ישׂראל, איז אַ האַלבע טרייסט פֿאַר רב-ישׂראל. נו, הייסט עס אַ פּנים אַ גליק פֿאַר מיר, וואָס פֿיל אַנדערע פֿון די אָרעמע בחורים האָבן אויך געדאַרבט, געהונגערט – איז עס פֿאַר מיר געווען כאָטש אַ האַלבע טרייסט. געפּטרט, הייסט עס, אַ האַלבע צרה, מיט דער אַנדערער העלפֿט איז שוין עט, נישט אַזוי קיין סכּנות. אַזוי, דאַכט זיך האָט עס באַדאַרפֿט זײַן, אי על פּי די חכמים אי על פּי דרך

הטבֿע. וואָס זשע לאָסט זיך אויס? בוידעם! אַדרבא, לאָ-די וואָס מיר איז שטאַרק שווער געווען איבערצוטראָגן די האַלבע צרה מײַנע, אַלץ געמורמלט: געוואַלד, רבונו-של-עולם, עסן! האָט מיר נאָך געקרענקט די ביטערע נויט פֿון מײַנע עלנטע חבֿרים. איך בין זיך מודה, עס האָט מיך דענסטמאָל זייער פֿאַרדראָסן אויף דער ישיבֿה און אויף דעם גאַנצן משא-ומתּן דאָרט. צו וואָס? נאָר דאָס איז געווען אין אָנהויב, שפּעטער אָבער, אַז איך בין מיט די צרות שוין געוווינט געוואָרן, האָט מיר די אַכילה שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט. עס האָט מיר אויך קנאַפּ וואָס געאַרט צעריסענע שיך, הוילע פּיאַטעס, אַ קאַפּאָטע אַ שמאַטע מיט אויסגעריבענע עלענבויגנס. פֿאַרקערט, איינייִעם מיט די חבֿרים פֿלעגן מיר פֿון אַזעלכע קלייניקייטן אַ מאָל גאָר חוזק מאַכן, אָפּזאָגן דערויף גלײַכוועֿרטלעך. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס שטעקט אַזוינס אין דער ישיבֿה און די גרויסע מעלה אירע. אָט וואָס: די קבצנים אירע, וואָס זי לאָזט אַרויס זענען פֿריילעכע קבצנים; אירע מלמדים, מקבלים, בטלנים זענען מוחל די עולם-הזה, הערן זי אין דער פּיאַטע. און פֿאַר ייִדישע קינדער אין גלות איז דאָך באַשײַנפּערלעך טאַקע אַ גרויס גליק!

מזל-טובֿ דיר, זונעניו – עס שרײַבט מיר די מאַמע נאָך אַ לאַנגע צײַט שטילשווײַגן – מזל-טובֿ אויך מיר מיט מײַן בהמה! פֿאַרשטייסט דאָך מסתּמא, וואָס מען מיינט בהמה? עס האָט זיך געקעלבט דײַן קעלבל, איז געוואָרן, אויף קעז און אויף פּוטער, אַ בהמה! ס'איז שוין נימער ערגער. אין שטוב איז דאָ מילכיקס, אַ ביסל צום פֿאַרקויפֿן און פֿאַר זיך אויך אַ ביסל. ווי דערלעב איך שוין אויך פֿון דיר אין גיכן נחת, הלוואַי אָמן, רבונו-של-עולם! זייער אַ גוטע בהמה. נאָר וואָס דען? איך האָב פֿון איר צרות. זי לאָזט זיך נישט מעלקן. וואַרפֿט זיך, שרײַט, בענקט, גייט פּשוט אויס נאָכן קעלבל. האָסטו געהערט, אַ בהמה זאָל נישט קענען פֿאַרגעסן דאָס קעלבל! עפּעס טאַקע נאָר ווי אַ מאַמע אַ קינד, להבֿדיל. משוגע איז זי טאַקע נאָך קעלבווײַז געווען, געטויגט האָסטו איינער טאַקע צו איר. גוט אויסגעלערנט האָסטו זי. האָסט געמעגט ווייניקער לערנען זי און לערנען בעסער אַליין. לערן, זונעניו, לערן, וועט אויס דיר אם-ירצה-השם ווערן אַ לײַט. אַז מען רײַבט זיך, איז דאָ אַ ווערטל, רײַבט מען זיך אויס. יאָ, מען קען אַנדערש ניט זאָגן אַ קעלבעלע איז דאָס געווען זייער אַ געראָטנס, טאַקע גאָר אַנטיק. דער קצבֿ האָט מיר דערפֿאַר

געגעבן אַ גוטן מקח, אויך דאָס לונג און לעבערל. פֿונעם געלט שיק איך דיר דאָ דורך חיה-הינדען אויך אַ פּאָר גילדן און דאָס קעלבלס אַ שטיקל געבראָטן לעבערל. נאַ, ווייס, האָב אויך הנאה כאָטש פֿאַר דײַן מי אַ מאָל מיט דײַן קעלבל. איר ביידע זענען דאָך ווי אַנדערע צוויי. ווײַטער שרײַב איך דיר, אַז...״

נאָר גענוג! וואָס ווײַטער זי שרײַבט האָב איך שוין נישט געליינט. עס ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן, פֿאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ, פֿע, נישט גוט, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אָפּגיסן מיך מיט אַ גאַנץ עמער וואַסער. מײַנע חבֿרים שטייען צו מיר צו, פֿרעגן: וואָס איז פֿאָרט די מעשׂה? איז עמיצער פֿון די היימישע חס-ושלום קראַנק, אָדער, די שעה זאָל נישט זיין, אפֿשר גאָר געשטאָרבן? און איך שווײַג, האַלטנדיק זיך בײַם האַרץ. גיי דערצייל, נאָר אויף לײַטישע געלעכטער, יענעם אַ מעשׂה מיט אַ קעלבל! אַז דאָס איז מיר נישט גוט פֿאַר רחמנות אויף אַ בהמה, מיט וועלכער מיר איז באַשערט געווען, צום ערשטן מאָל אין אונדזערע ביידנס יונגע יאָרן, אָנצוקוקן גאָטס וועלט מיט אירע פֿעלדער די שיינע און צוברענגען דאָרט ביידע אַ שטיק צײַט, די טײַערסטע אין לעבן; אַז דאָס טריפֿט מיר דאָס בלוט פֿאַר רחמנות אויף אַ בהמה, אַ מאַמע, אַן ערשטלינג, וואָס בענקט נאָך איר קינד, נאָך איר געקווילעט קינד נעבעך!

אַ יידיש קינד איבערהויפּט, וואָס אין גאַנצן איז עס אַ רוחניות, עס וואַרפֿן זיך אים תּמיד די אָדערלעך, אים איז דאָך גענוג אַבי עפּעס אַ בלאָז, עפּעס אַ ריר, אַז ער זאָל זיך צושאָקלען און עס זאָל זיך אים צושפּילן די פֿאַנטאַזיע גאָר אַ שרעק, אַ פּשיטא שוין ווי איך אַ גמרא-ייִנגל, אַן אָרעם ישיבֿה בחורל אָן ׳טעג׳, אָן לײַב, אָן געזונט, נאָר וואָס דאָס קעפּעלע אין אים; וואָס שטענדיק האַלט עס אין איין פֿלײַעניש, אין איין טראַכטעניש, צאַפּלעניש. גענוג איבערגענוג איז פֿאַר מיר געווען דער מאַמעס עטלעכע ווערטער, אַז איך זאָל ווערן צעקאָכט, צערײַצט; אַז די פֿאַנטאַזיע זאָל אַרבעטן מעשׂים, מיך נישט לאָזן רוען די נעכט. קוים וואָס זיך געלייגט – אַהאַ, ברוך-הבא! חויבט זיך אָן די שפּיל. עס טרעט אַרויס אויף דער סצענע דאָס אַלטע קעלבל, שוין אַ מאַמע, מיט דעם קינד – אַ קעלבעלע אַ בריליאַנט. עס טשעפּעט זיך דאָס קעלבעלע, זויגט די ברוסט, אונטערשלאָגנדיק צוווײַלן די אײַטער, דרייענדיק דערבײַ מיטן וויידעלע. די מאַמע איז גאָר איבערגליקלעך. ס׳איז איר דאָס צודערקענען אין דעם גאַנצן

באַנעמען אירס, ווי זי בייגט אויס דעם קאָפּ צום קינד, לעקט עס, לעקט, שטיל אונטערריקענדיק פֿאַר גרויס ליבשאַפֿט.. איך קוק פֿאַרגאַפֿט אויף דער מאַמע, זי אויך אויף מיר, אוןביידע פֿאַרשטייען מיר זיך, וואָס אַזוינס אין דעם קוקן אונדזערס ליגט. עס פֿינקעלט, שימערט אַרום און אַרום, אַ ליבלעכע וואַרעם צעגיסט זיך אין די אַלע גלידער און אויפֿן האַרצן פֿילט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי גוט... באַלד טאַקע טוט זיך עפּעס ווי אַ דריי. עס טונקלט אין די אויגן, אויס געשטאַלטן, אויס קאָלירן, אויס אַלצדינג – גאָרנישט!... קיל, אינעווייניק אין מיר איז עפּעס אַ מרידה – איַי, עסן! עס דאַכט זיך מילך, אַ טעפּל סמעטענע, קעז און אַ ריפּטעלע ברויט מיט פּוטער. עס דאַכט זיך אויך געבראָטנס. פֿלייש אַ שטיקל, איַינגעפּרעגלט מיט שמאַלץ און ציבעלעס, מחיה. איך חלש, האַלט עס נישט אויס, אוי, געבראָטנס! איך וואַרף מיך, קער מיך אום אויף דער אַנדערער זיַיט, קלינג-קלאַנג ווי מיט אַ גלעקעלע אין די אויערן – הע, הע, ווידער די שפּיל! אַ סצענע אַ טרויעריקע. עס ריַיסט זיך דאָס יונגע קעלבעלע ריַיסט זיך דעם קצבֿ פֿון די הענט אַרויס, עס לויפֿט מיט אַ ביטער געשריי און דער קצבֿ נאָך אים. פֿילנדיק זיַין מלאך-המות און שטאַרק וועלנדיק לעבן, לויפֿט עס אויסער זיך נעבעך פֿאַר שרעק, באַהאַלט זיך עמיצן דאָרט צווישן די פּאָלעס, קיַיכט, מעקעט, ווי עס בעט רחמים: ראַטעוועט! יענער אָבער טוט עס אַ שטופּ מאַכנדיק: "גיי! דערויף ביסטו דאָך געבוירן געוואָרן." – "אום-ברחמנות! לאָזט זיך פֿאַרנעמען אַ פֿאַרדומפּן קול ווי פֿון אונטער דעם פֿאָרהאַנג – פֿאַר אַזאַ ענטפֿער אַ מאָל בין איך פֿונעם אויבערשטן מיט אַ לאַנגער שווערער קריינק באַשטראָפֿט געוואָרן. ורחמיו על כל-מעשיו, גאָט ברוך-הוא האָט רחמנות אויף אַלע זיַינע באַשעפֿעניש." דאָס קול איז טאַקע אַ קול, עס רופֿט, רופֿט – און קיינער אָבער מאַכט זיך דערויס נישט. דער קצבֿ כאַפּט דאָס שוואַך קעלבעלע, בינדט עס אויף אַלע פֿיר, עס צאַפּלט, שריַיט מע-מע – מאַמע הייסט עס, נאָר אומזיסט! די מאַמע איז אויפֿן פֿעלד, הערט נישט דאָס ביטער געשריי פֿון איר ליב קינד. הערט נישט דעם קינדס געזעגענען מיט איר פֿאַרן טויט! דער קצבֿ טוט עס אַ וואַרף אויף דער ערד, קוועטשט עס גוט צו מיט דער קני, שטרעקט אים אויס דאָס העלדזעלע, דאָס שוחטל – פֿליק, פֿליק, ברוך אַתּה און כיק! –

רויט-בלוי, אַ פֿאַרבלאָנדזשעניש, אויסמישעניש אַרום און אַרום. איך טאַפּ מיך, וויש מיך – דאַכט זיך בלוט, שפּריטסלעד בלוט – –

עס באַשלאָגט מיך אַ שווייס!

און זינט דענסטמאָל ווערט מײַן קערפּער אַ צעשטערטע, צעבראָכענע כּלי. אַלצדינג אין אים טוט זיך נישט ווי געהעריק, צווישן ווירקלעכקייט און חלומות נישטאָ קיין אונטערשיד. ס׳איז אַ דרייעניש, אַ פּלאָנטעניש קידער-ווידער. מײַן דעה איז גאָרנישט, אויס בעל-הבית, הפֿקר אַ וועלט! עפּעס דאַכט זיך אויף דער נאָז אַ לונג-און-לעבער, פֿונעם געקוילעטן קעלבל דאָס געבראָטענע לעבערל, עס פּאַטשט מיך, שטעכט מיך ווי מיט שפּילקעס. עפּעס ברענט, בריט מיך אין קעשענע – און עס שפּרינגען פֿון דאָרט אַרויס צוויי ווײַסע גילדען. עס קוקן אַרויס דאַכט זיך פֿון זיי אַ פּאָר רויטע, מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענע אויגן – אוי, אויגן דער מאַמעס, מײַן קעלבלס אויגן! איטלעכע בליק אירער איז מיר אַ פֿײַל אין האַרץ. עס רוישט, קלינגט מיר אין די אויערן אויף אַ טרויערדיק קול אַ האַרבער מוסר: תּכשיט! אָט ביסטו, אָט איז דײַן קעלבל. צוויי באַשעפֿעניש אַרויס אויף גאַטס וועלט צו לעבן. דאָס קעלבל וואַקסט ווי געהעריק, ווערט אַ בהמה, לעבט אַצינד פֿאַר זיך אי פֿאַר דײַן היימישן עולם. קאַרג פֿאַר אים איר מילך, מען מעלקט זי, ציט זי, האָט פֿון איר נוצן, נעמט נאָך בײַ איר צו אַ שטיק פֿונעם לעבן, מען פֿאַרקויפֿט צו דער שחיטה איר קינד. דו הערסט? זאָג נאָר דו, ווי אַזוי וואַגסטו? – דו לעבסט? אַז אָך-און-וויי צו אַזאַ לעבן, אין נויט, שמאַך, בעטלען! קוק אָן דײַן געשטאַלט, מישטיינס-געזאָגט, און די געשטאַלט פֿון יענע, דײַן גלײַכען, פֿאַרפֿינצטערט זענט איר געוואָרן! – דו ניצט? האַ, מיט וואָס? דאָס בעבן דײַנס – צו וואָס? אין גאַנצן טויג עס אויף וואָס? צאַפּעס, קיין וואָל, קיין מילך פֿאַר אײַך! לעבסט נישט פֿאַר זיך. זעצטו זיך נאָך אָן אויף יענעמס לעבן. די צוויי גילדען, תּכשיט, פֿון וואַנען? דאָס איז פֿונעם געלט פֿאַר דײַן בהמהס בידנע קעלבל! – דו זעסט? דאָס פּאָר פֿאַרזאָטענע אויגן קוקן אויף מיר מיט פֿאַרדראָס, עס שטעכט מיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ. עס וואַרפֿן זיך אין מיר אַלע מײַנע גלידער. עס זידט, קאָכט, רוישט אַרום מיר, עפּעס אַ גאַנצע איבערקערעניש. אויס איך! וואָס איך? ווען איך? ווו איך? עס מעקעט, מוקעט. עס שפּרינגט אַ נאַקעט אָפּגעשונדן קעלבל, בײַם מויל נאָר אַ סימן פֿעלכל ווי וואָנצעס. עס שוועבן אַ פּאָר רויטע, פֿאַרוויינטע אויגן, עס דרייען זיך אַרום, מיני באַשעפֿענישן. בחורים-בטלנים, מיני געשטאַלטן, פֿאַרזייענישן. עס פֿײַפֿן נעזער, כאָרכלען העלדזער, עס חראָפּעט, קײַכט, הוסט, אַ שרעק!

אי דער קאָפּ, עס שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ!

אין דעם טאָג, וואָס מען האָט מיך באַדאַרפֿט אָפּפֿירן אין בּיקור־חולים, איז מיר אָנגעקומען פֿון דער היים אַ מוסר און אַ קלאָג: זע, זונעניו, זײַ אַ מענטש! נאָר אויף דער ישיבֿה אַליין, אויף דעם לערנען דײַנס דאָרט האָסטו אַצינד צורופֿן, ווײַטער נישט אויף קיינעם. וויסט איז דער מאַמען, זיך אויסגעלאָזט סאַנצעלאָמעס די אַלע פּרנסות. דאָס איינציקע אָנהאַלטעניש אויך פֿאַרזינדיקט –

געפּגרט די בהמה!

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון מירל שיינהויט־הירשאַן, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager

All Rights Reserved